STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01655

# METATRON

Aaron Zeitlin

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Joseph & Dorothy Kay*
*in honor of*
*Joseph & Dorothy Kay*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן צייטלין

# מְטַטְרוֹן

אפּאָקאליפּטישע פּאָעמע

מיט אַ פּאָררעדע

פון ד״ר ד. א. פרידמאַן

פערלאג „אַלט-יונג"

וואַרשאָ 1922

PRINTED IN POLAND

נאָכדרוק פערבאָטען.

אלע רעכט פון איבערזעצען געהערען דעם מחבר.

Copyrigth 1921
by M. Utkewitz
New-Jork.

„MTATRON" POEMAT A. CAJTLINA

:: WYDAWNICTWO „ALT-JUNG" ::

DRUKARNIA B-ci WÓJCIKIEWICZ,
:: KRAMY NALEWKOWSKIE 5. ::

* *

*

„מטטרון״ איז אַ יום־טוב; „מטטרון״ איז אַ שהחיינו־זאַך.

אין סאַמע מיטען וואָך, אינ׳ם פשוט׳סטען קאַלטען מיטוואָך פון דער אָנגעווייטאָגטער וואָכעדיגקייט, ברייננט „מטטרון״ אַ הייסע געהויבענע ראש־השנה־שטימונג אייך, פערהאַוועטע, פעריאָגטע, פערבלאָטיגטע און פערבלוטיגטע.

זעהט:

ווי הויך דער שפּרונג! ווי ברייט און פעסט דער טריט! מאַכט־זשע אַ וואַרע: עס קומט אַ ווערער! און — ווי ס׳זעהט אויס — גאַר אַ שענער ווערער. ווארום אהרן צייטלינ׳ס „מטטרון״ ווייזט ניט נאָר באַשיינפערלעך אויף דעם, וואָס דער יונגער דיכטער האָט שוין דערגרייכט, נאָר אויך אויף דעם, וואָס ער קען נאָך דערגרייכען, וואָס ער קען נאָך ווערען.

ס׳איז אַ שענע רייפע פרי מיט געזונטע קערנדלעך־זוימען, אַ צווייג, וואָס טראָגט אויף זיך די פערטיגע פרוכט און אויך בלומען אַ סך.

קומט אהרן צייטלין און דערצעהלט פון יענע ערשטע, ווילדע זאַווערוכעס, אין וועלכע וועלטען האָבען זיך געטראָגען פון די ווינטען, ווי שניישטערנדלעך. קומט ער און זינגט פון דער אימה׳דיגער שטילקייט, וואָס האָט אַמאָל, גאָר־גאָר אַמאָל, געהערשט, און וואָס האָט שוין פערלעגט דאָס קעפעל, ווי אַ הינדעל אויפ׳ן פלייט ביינאַכט. מיט געוואַלדיגע, אייגענאַרטיגע ריטמען זינגט דער יונגער צייטלין זיין „געזאַנג צו אונזער צייט״, וואָס איז אויך אַ געזאַנג פון אונזער צייט, איבער אונזער צייט, איבער און אריבער ביז דעם ווייטען־ווייטען שפעטער. ווארום אין אמת׳ן האָט

אהרן צייטלינ׳ן אריינגעוועבט זיין קלינגענדיג געוועב אין דעם אייביגען לבוש פון דורות, פאר-דורות און נאך-דורות. און זעה: באשערט א גליק א יונגען דיכטער — עס לעבט און צאפעלט זיין ווערק, ווי עס וואלט גערעדט נאר פון דעם היינטיגען טאג און נאר פאר דעם היינטיגען טאג. ווארום עס ברויזען און טאנצען אין דעם יונגען צייטלינ׳ס יונג הארץ אלע ווייטאג-קניפלעך פונ׳ם מענשען, פונ׳ם צובלוטיגטען, פארשפיגענעם, פאריתום׳טען מענשען, אויף וועלכען ס׳רייט דער גרויסער אייביגער מטטרון.

מטטרון — דער פילפארביגער, דער פיל-פרצוף׳דיגער; מטטרון — דער טוער, דער ווערער, דער שטענדיגער בויער און אייביגער צושטערער; מטטרון אלס וועלט-הונגער, מטטרון אלס וועלט-דורשט, אלס הונגער נאך גאנצקייט, אלס דורשט נאך איין-און-איינציגקייט — מטטרון אלס לעבעדיגער האר, אלס אייביגער סימבאל פון מענשענ׳ס און וועלטענ׳ס שיקזאל האט געפונען זיין ערשטען און שטארקען פאעטישען שליח אין אהרן צייטלינ׳ען.

צייט און רוים, זיין און ווערען, נעכטען און מארגען אין א ווילדען טאנץ ארום דעם נאקעטען היינט, הייליגע רוהיגקייט און חוצפה׳דיגע בעוועגונג — אט די אלע בעגריפען ווערען ביי אהרן צייטלינ׳ען גאר בעגרייפלעך, גאר לעבעדיג. עס ענטפלעקט זיך א גאנצע וועלט אונטער דעם שלייער פון דער וויזיע, פון דער אפאקאליפסיס. און אויב עמיץ האט ניט געהערט און ניט געפיהלט פריהער, מוז ער עס הערען און מוז עס פיהלען בעת׳ן לייענען אין „מטטרון״ און נאכ׳ן לייענען — ער מוז הערען און פיהלען, ווי עס דונערט און עס ציטערט אונטער די בלייערנע הימלען, ווי עס זיפצט און שרייט א וועלט:

— טאטע - פאטער!

אין זיינע וואונדערבארע ליכטיגע „שילדען״ האט צייטלין איבערגעגעבען אט דאס שטילע שלוכצען און דאס הארצרייסיגע בענקעניש פון דער שטומער וועלט נאכ׳ן איינציגען גוטען פערבעהאלטענעם טאטען.

טאטע! וואו ביזטו?

— „הערצער, הערצער! צו דעם טאטען געהען טירען דורך מטט׳ן! צו דעם טאטען — דורך מטט׳ן!״

און ווייל אהרן צייטלינ׳ס אויגען זיינען געווענדט צום בעשעפער — האט ער אזוי פערשידענארטיג געקענט פארשטעלען דעם שר-הפנים. מיט

יענער טיפער און אינוויינינג גאַנצער אינטואיציע, וועלכע וואַקסט אַרויס נאָר פון דער צונויפמישונג פון ברענענדיגען גלויבען מיט עקסטאַטישער קונסט, האָט זיך צייטלינ׳ען איינגעגעבען צו דערשפירען דעם פערבעהאַלטענעם מטטרישען סוד אינ׳ם „קרעציגען כאַם” און אין דער צופוילטער גאַסען-מויד, אין דער נאַקעטער מוהמע-טומאה, אינ׳ם געוואַלדיגען קאַמף מיט דער שלאַנג, אין די „איבערקעהרענישען”, אין די „נאַפאָלעאָנס” און אין די „קאָסמישע פלאַמען”, אין דעם „אבני-שיש-טהור”-פראָבלעם און — אין דעם „געיעג נאָך דער העכסטער פאַרבינדונג”.

פון אָט די אַלע פערשידענע ענטפלעקונגען מטטרון׳ס איז צייטלין׳ס ווערק אַרויסגעקומען אַ גאַנצעס, אַ פערענדיגטעס, אַ פעסט-אויפגעבויטעס. חאָטש בעזונדערע שירים, פערשידענע זעהונגען, ווייטע אייגענאַרטיגע פליהונגען — אָבער „מטטרון” איז ניט אויפגעשטעלט, ניט צוזאַמענגעשטעלט, ניט פערשטעלט.

עס האָט אין איהם אַ פון גאָט געבענשטער יונגער דיכטער זיין גאַנצען מהות ענטפלעקט.

עס שפירט זיך אין איהם אַ וועלט אַ גרויסע, געזעהן מיט יודישע אויגען; עס הערט זיך אין איהם דאָס ווילדע געפילדער פון די צייטען, אויפגענומען דורך יודישע אויערן. ניט קיין קראַנקע מרה-שחורה׳דיג-צופוילטע לונג כריפעט אַרויס איהרע „לידער”, נאָר אַ געזונטע יונגע קעהל פון מטט׳ס אַ שליח. דערפאַר פערכאַפט טאַקי ערטערווייז דער אָטעם ליינענדיג, וואָרום אַזוי רעדט אַ זעהער.

קוקערס זיינען דאָ אַ סך. קוקערס מיט אָפענע קלאָרע אויגען, קוקערס מיט פערשכור׳טע מוטנע אויגען, פערקוקער, דורך-קוקער, אונטער-קוקער. זעהערס זיינען אָבער ווייניג. איינער פון די וועניגע איז אהרן צייטלין אין זיין „מטטרון”.

מיר לעבען איצטער איבער אַן אַפּאָקאַליפּטישע צייט. אפשר איז דאָס גאָר די אַפּאָקאַליפּטישע צייט. ווער ווייס? אָבער איינס מוז יעדערער וויסען: עס איז שוין אַריבער די צייט פון בעטאַכטען. עס איז שוין ניטאָ קיין צייט צום בעטאַכטען. שוין אַריבער די יאָהרען פון זיצען און חלום׳ען, פון אַרומגעהן פערטראַכטערהייט און פידלען אויף די פידעלעך. אינדיווידועל גיט יעדערער, פערשטייט זיך, וואָס ער קאָן און צו וואָס ער איז געבוירען, אָבער אין דער וועלט, אין דער גאַנצער מרכבה, וואָס האָט זיך צעווילדעוועט און אַרויסגעריסען פון געשפאַן, הודושען די באַנדורעס איצטער, און

עס דונערט אָן אַ אויפֿהער, אַלץ איינס, צי מ׳הערט עס, צי ניט. עס דונערט און בליצט -- און אַ סך פֿינטלען נאָר מיט די אויגען. אַי, די פֿינטלערס! וואַשט די הענט און מאַכט אַ ברכה: שכחו וגבורתו מלא עולם! בענשט און דאַנקט דעם טאַטען, וואָס פֿון זיין כח און זיין גבורה איז פֿול די וועלט.

אָט האָט איינער פֿון די געטלעכע בליצען געטראָפֿען אהרן צייטלינ׳ען — איז זיין פֿריהערדיגע אייגעהאַלטענע שטילע, איידעלע לירע פּלוצלונג פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ באַנדורע. שוין אין צייטלינ׳ס העברעאישען שטאַרקען „יונה בן אמתי״, אויך אין זיינע איינצעלנע יודישע און העברעאישע זאַכען, האָט זיך ערטערווייז געלאָזט הערען יענע עקסטאטישוויזיאָנערע סטרונע. איצטער אָבער האָט ער זיך אין גאַנצען ענטפּלעקט. אויך אין דער שפּראַך, וואָרום אויך זי איז ביי איהם דאָסמאָל אַרויס פֿיל שטאַרקער, פֿיל אייגענאַרטיגער, פֿיל שעפּערישער. אין פֿערגלייך ווידער מיט דער שפּראַך פֿון פֿילע אַנדערע דיכטער איז אהרן צייטלינ׳ס יודיש אין „מטטרון״ נישט אַ טריפה׳נע שטיק, נישט אַ מאַכעניש מיט די זייטען, אַ נישט הוזק-מאַכעריי פֿון זיך און פֿון יענעם, נאָר ס׳איז אַן׳אמת כשר יודיש פֿונ׳ם אייביגען פערבעהאַלטענעם יודענלאַנד, וואָס איז נישט געבוירען געוואָרען נישט נעכטען און נישט אייערנעכטען מ׳הערט אינ׳ם „מטטרון״ אַ יודיש, וואָס זיינע וואָרצלען דערגרייכען ביז אין די סאַמע טיפֿע וואַסערן פֿון דער גרויסער טויזענדער-יאָהריגער יודישער קולטור. אין דער זעלביגער צייט איז דאָס יודיש אַ ניי-שעפּערישעס, וואו עס זענען אפילו די חידושים ליב, ווייל זיי זענען עהרליך, אָהן גרימאַסען, אָהן ליצנות, פֿון די זעהונגען אַליין בעשאַפֿען, נישט פֿונ׳ם דיכטער בכיון.

היינט—דער פֿערנעהם! פֿון גאָר, גאָר אַ גרויסען אייראָפּעאישען דיכטער: בילדער—גוואַלדיגע; געדאַנקען—ווייט-פֿליהענדיגע; אַ כאַפּ—אַן׳אמת יודישער, אַ שוואונג—אַ גרויס-וועלטישער. יאָ! אַ הויכער שפּרונג, אַ ברייטער טריט, און פֿון יעדער שורה זעהט זיך, אַז עס געהט אַ וועטער, עס קומט אַ זעהער — מאַכט אַ וואַרע, יודען!

בערלין, 1922.

ד. א. פֿרידמאַן.

## פאַרגעזאַנג.

ס'איז געווען דער פריִהמאָרגען פון דורות.
אין דער אייביגקייט האָט זיך געוויקעלט א בוים.
דער בוים איז געווען ווי א קינד,
וואָס וואַקסט—און מיט איהם וואַקסט צוזאַמען זיין וויגעל.

דער רוים האָט געהאַט זיך געעפענט אָט ערשט—
און מיט נייגיער געגלאָצט אין דעם אייגענעם גוואַלד־ריס.
וועלט האָט אין רוים נישט געהאַט נאָך געטראָפען איהר איִנזעל
און געשוועבט ווי א ליכט, וואָס געפינט נישט איהר לייכטער.

דער בוים האָט די האַריג־צעוואָקסענע צווייגען
געוואָרפען דעם רוים אויפ'ן אַקסעל—
דער רוים האָט כסדר דעם אקסעל אַרויסגערוקט
פון אונטער די צווייגען.

דער רוים האָט געוואָלט זיך פערלירען אין אין־סוף,
פערשווינדען, ווי ליכט אין א לאָדען.
ער האָט הינטערווייִלעכץ
געשטראָמט צו דער ערשטער נקודה.

נאָר שטאַרק איז געוועזען דער בוים,
ער האָט איהם בעזיגט!

ער האָט איהם געצויגען צו זיך מיט די צווייגען,
ווי מען ציהט מיט די לייצען א ווילד־יונגען פערד.

דער בוים האָט געדאַרפט פאַר זיין ווערען—אַנ׳אָרט.
דער בוים איז געווען און אָהן אויפהער געוואָרען,
געווען און אָהז אויפהער געבלעטערט
אויף אַלע פיער זייטען: „איך ווער!״

אָבגעשטעלט האָט זיך דער רוים אין זיין שטראָמען,
גענומען דעם בוים אויף די פלייצעס,
פערגעסען זיין שטאַם—
און דערפיהלט אין זיין הארצען די צייט!

צייט און אָרט זענען ביידע געשטאַנען—
און דער בוים איז געגאַנגען אַלץ העכער און טיפער.
געגאַנגען—און סגי־נהוריש געשליידערט
מיט הענט, ווי מיט רודערס.

בעל־קנאה׳ש פערקוקט אויף די צווייגיג־צופיבערטע הענט,
וואָס וואַרפען אַרקאַנען אַריבער׳ן האַלז פונ׳ם נאָך־נישט
האָבען די בלעטער געעפענט
אַנ׳אָבגרונד מיט אויגען...

אַזוי איז געבוירען־געוואָרען מטטרון,
בעוועגער און פיהרער צום סוף!

---

I.

פערטיפונג.

די נאַכט, די שטילסטע פון פלעדערמייז,
צעשיט־זיך אין שאָטענס פעדערווייז,
אַריינגעשאָטענט אין נאַכט
זיך איך אַליין און טראַכט.

עתיקא, דער איינציג־איינזיגער,
דער אַלציגער, דער אַליינזיגער, –

עס האָט זיך זיין גרויסער א י נ ס
צעשאָטען אין זאמדיג־קליינס.

און ס'איז זינט דעמאָלט אַ ראָד אוועק,
ס'איז קרום אוועק און ס'איז גראָד אוועק,
מען בויט און מען צושטערט —
נאָר ערד בלייבט אייביג ערד...

היינט ווער מאכט לויפען די ראָד דערין?
שוין־זשע איז גאָט נישטאָ דערין?
די ראָד, וואָס האלט אין גען —
צי געהט זי פון זיך אליין?...

די נאכט, די שטילסטע פון פלעדערמייז,
צעשיט־זיך אין שאָטענס פעדערווייז — — —
וואָס מאכט די וועלט? וואָס מאכט
גאָט אין דער טיפער נאכט?..

איך זיץ אזוי און איך פרעג עס שטיל,
עס לויפען און קומען די רגע'ס שטיל,
ביז איינע אַ רגע שטעהט
און רעדט מיר אזוינע רייד:

„אין מטט'ן קומט פאָר די ענדערונג,
אין מטט'ן קומט פאָר די וואנדערונג,
וויל ער,—ד ע ר ש ר, וו אָ ס וו ע ר ט,—
זיל מאכען פון ערד אויס ערד.

אַ ראָד האָט עתיקא אָנגעדרייט,
אַ הויז האָט עתיקא אָנגעבּרייט,
יאָגט ער דעם ראָד פאָראויס —
און בויט צו אַ דאך צום הויז.

ווען אָבשטעלען וועט ער דאָס רודערן,
ווען אָבשטעלען וועט ער דאָס רעדערען,—

אַ מענש, דו הער אַ שיינס, —
ווערט ערד און הימעל איינס!"

---

II.

## קולי־קולות.

נישט געקומען נאָך צו זיך איז—ער, דער קאָפּ פון ווייסען בלענד־שניי,
איבער אין־סוף־וואַסער בלייכען שטעהט ער, איינגעטיפט אין הוריות,
שטעהט און קלערט זיין קלער דעם אַלטען, רוהט די רוה פון
דורי־דורות — — —

בלויז מטט, מטט דער מלאך, שרייט און שרייט אויף קולי־קולות,
דורי־דורות שרייט מטטרון, פלאַנטערט שנעל דעם קנויל פון מעשים,
זאָגט: „זאָל זיין"—און מאַכט ס'זאָל ווערען, זאָגט: „ס'וועט זיין"—
און לאָזט זיך וואוילגעהן

פאָרענט, פאָרענט, אייביג פאָרענט,
לויפט בראש פון יונגע פעלקער צו דעם נעפּעל־בילד געשיכטע,
פליהט אויף מדבר־פערד צעקאָכטע דורכ'ן הארץ פון דער הויה,
טרעט מיט שטורעם־קנאַפּעל שוואַרצע דער נשמה'ס בלויע ים־ברוסט,
שליידערט מעסערס אין דער פינסטער...
ווי אַ קונצענמאַכער קומט ער, שפּרייט אַ פלאַכטע בלוט און שטויב אויס
און נעהמט שפּרינגען קאָפּ־אַרונטער...
וועלטען, דורות—זיינע פייקלעך, געהט ער, פויקט ער, געהט און
מבול'ט

טאַראַראַמען, טאַראַראַמען — — —

אַלע תאוות הערט מען רופען:

„יונגער מלאך, פלינקער מלאך, פויק און וועק דעם אדם־קדמון!"

הייליג זינגען די כיסופין:

„מלאך יונגער, מלאך פלינקער, פויק און וועק איהם, פויק און
וועק איהם!"

ס'וויינען קראַנקע מרה־שחורה'ס:
„יונגער מלאך, פליִנקער מלאך, פויק און וועק דעם אדם־קדמון!"

איִן גן־עדן טאַנצען אורות:
„מלאך יונגער, מלאך פליִנקער, פויק און וועק איִהם, פויק און וועק איִהם!.."

---

III.

**שיִלדען.**

הערצער טריִפען בלויע תפלות—און פון תפלות ווערען נעפלען,
נעפלען נעהמען זיִך ביי הענט אָן, ווערט אַ גרויסער בלויער נעפעל,
וויִ אַ שילד מיט אותיות: ט אַ ט ע!

הערצער, הערצער! צו דעם טאַטען גאהען טיִרען דורך מטט'ן!
צו דעם טאַטען—דורך מטט'ן!
ס'וואַרט מטט אויף אַלע ראַגעס, אַלע ראַגען פון די וועלטען,
זעהט די תפלות, זעהט די נעפלען, לעזט די טרויער־אותיות:
ט אַ ט ע,
הויבט ער הענט אויף, וויִ דונערס, פויקט אַריין איִן יענע שיִלדען:
„טאַטע—טאַטע—טאַטע—טאַטע!

ס'האָבען תפלות מיִך בעלאַגערט! טאַטע, ס'רופען דיִך די קיִנדער!"

---

IV.

**באַנדורעס.**

אַ געזאַנג צו אונזער צייט!
אונזער צייט—די צייט מטטרונ'ס—שפיִלט אַזוי, אַז אַלע צייטען
זענען פייפלעך קעגען איִהרע הויך־צעהודזשעטע באַנדורעס.
און אַלץ העכער וועט עס הודזשען, און אַלץ העכער, און אַלץ העכער,

ביז דאָס הודזשען וועט פערהודזשען זיך אליין און ווערען שטילקייט,
שפּיץ פון שטילקייט, גינגאָלד־קלינגאָלד, סנה און סיני פון אַקאָרדן
העכסטער הימעל, אַכטער הימעל!

אַ געזאַנג צו אונזער צייט!
אונזער צייט—די צייט מטטרון'ס—איז די הערערין די טיפסטע,
איז די הערערין די צאַרטסטע, לויטער אויערן פערשאַרצטע,
און זי הערט פון ארבע רוחות אַ געזאַנג פון זאַווערוכעס:

„פלאַם וואָס מעהרער!
וואָס מעהר פייער!
ער, דער ווערער,
וועקט דעם זייער!
פייער, פייער!"

אַ געזאַנג צו אונזער צייט!
אונזער צייט—די צייט מטטרון'ס—איז די שפּילערין די פלינקסטע,
איז די שפּילערין די ווילדסטע, די צעשפּילסטע, גאָט־געפּילטסטע,
און ווי שלאַכט־פערד אונטער קוילען גאַלאָפּירען איהרע פינגער,
און מטטרון שרייבט די נאָטען, שרייבט די נאָטען איהר כסדר,
שרייבט כסדר, שרייבט כסדר,
און מען הערט שוין: הינטער וועלטען דונערט בראַוואָ גאָט'ס
גאַליאָרקע,
און מען הערט שוין: מיט אַ הייכען פלאַצען אייזען, אלטע אייזען,
אויף נישט־היגע הויכע טייכען — — —

V.

## צום שענסטען פון מלאכים.

די שענסטע מיידען פון דער וועלט, די ליבסטע טעכטער חוה'ס,
האָבען אָבגעקעהרט די קעפּ און שפּייען קלעק אויף יונגען:
אויף דעם וואולקאַן פון זייער ברוסט דער יונגער, הייסער,

האָט איהר ווייִנגאָרטען פערפלאַנצט אַ נייע ליבע,
די ליבע צו דעם שענסטען פון מלאכים,
די ליבע צו מטטרון!

פאַרבייגעפינקעלט האָט פּאָר זייער נאַכט־בעט
זיין אָנגעזיכט, מיט הימעל־כתב בעשריבען,
און נאָך מלאכים־כתב איז זייער דורשט...
פערברענען זיי די ליבע־בריוולעך אַלע,
ווייל ס'האָט זיי אַ בן־אדם־האַנט געצייכענט,
און ווילען נישט געבוירען מעהר קיין מענש:
געבוירען ווילען זיי דאָס העכסטע גליק!

אַלע, אַלע ברוסטען
ווילען זיך, ווי עפּעל פון די צווייגען,
אָברייסען —
און חלש'ן אַוועק צו איהם, צו איהם.
אַלע, אַלע קושען
בעגעהרען צו דער זון פון זיינע הענט,
צום ברענענדיגען סנה פון זיינע קליידער.
אַלע, אַלע העלזער
גאַרען זיך אַרויסשרויפען פון אונטער קעפּ און לאָקען
און ווי שוואַנען ווייסע, גלייכע
גלייך און ווייס אַוועקשווימען—צו איהם...

די שענסטע מיידען פון דער וועלט, די ליבסטע טעכטער חוה'ס,
האָבען אָבגעקעהרט די קעפּ—און שפּייען קלעק אויף יונגען!

---

VI.

א ו נ ט ע ר פ ל א מ ע ן.

נאַרגילע־רויכערער פון דרימלענדיגען מזרח,
וואָס זענען יונג קיהלען גליק אויף קליינע טאַבורעטלעך

פאַר אַ שמוציגען קאַפּיי־הויז
דורך גאַנצע טעג פון זון און נעכט פון טרוימענדיגער תאוה,
פערנעהמען שוין די שאַלענדיגע שופרות פון מטטרון
און ס׳פאַלען זיי אַרויס די לאַנגע טרייבלעך פון די הענט.
אויף טורבאַנען שטאָלץ ווי שוואַנען, איבער כייער רויטע פעסקעס
פאַלען פלאַמען פון די וואָלקענס —
שייטלעך פלאַמען ווארפט מטטרון
אויף דעם קאָפּ פון אַלטען מזרח!
פרעגט דער אַלטער: „שאַ, צי געהט עס נישט אַ נייער מאַהאַמעט
מיט נייע ווייבער, נייע תורות, נייע שווערדען? —
ווער קומט עס מיר אַראָברייסען מיט רויבער־הענט צעיאָגטע
די שווארצע שלייערן, וואָס האָבען פערתכריכים׳ט
דאָס דימענט־אויג פון מיינע אָדאַליסען,
און זייער מירמעל־נאָז, און זייער האַלז, וואָס כשופט טויטע פון
די קברים,
און זייער לעפץ, וואָס גלייכט אין זיסקייט נאָר דעם טרוים און
דער נאַרגילע?

האַ?
וואָס צינדט זיך דאָרט, ווי פייער אויפ׳ן דאַך פון ווייטע שייערס? —
וואָס שרייען עפּעס פאַלמען קרום־צעבויגטע פון דערווייטענס
און שפּרייטען לאַנגע וועהטאָג־הענט, ווי פרויען אויפ׳ן בראָכשטול,
און פאַלען אום ווי טורעמס, וואלגערן זיך אום, ווי די נבלות
פון טויטע פערד? —
וואָס לויפען עפּעס קעמלען גרוי־געפלעקעלט און אָהן רייטערס
פון מדבר־זייט, פון מדבר־זייט, אַ קעמעל נאָך אַ קעמעל,
שפּרינגענדיגע שאָטענס מיט מיליאָנען פּיס פון הינטען,
מיליאָנען פּיס פאָראויס?
האָ־האָ, ס׳אַרא גערודער! ס׳אַרא קלינג־קלאַנג פון די גלעקלעך!
ווער יאָגט דאָס זיי פון מדבר—און וואוהין איז זייער לויף,
וואוהין איז זייער לויף?

ווי איין צעהוידעט־הויכער הויקער פינטלען זיי פאַרביי —
און אויפ׳ן הויקער פון די שפּרינגענדיגע, קלינגענדיגע שאָטענס
רייט, ווי אויף אַ בראשית־העלפאַנט, איינער מיט אַ שופר,
צום מויל דעם ריהריגען אַ שופר,
און ער אַליין איז לויטער ווייט־אַרויסגערוקטער שופר,
שופר צו דער ווייטקייט —
ווער קען דאָס זיין?
צי האָט דער ים דעם מדבר ס׳ברוינע זאַמד־פּנים פערגאָסען
און טרייבט די מדבר־רוחות איבער וועלט —
און דער זאָל זיין דער סולטאַן פון די רוחות? —
אַ שד? — טאָ וואָס־זשע ברענען אויף איהם קליידער, ווי אין זון־אויפגאַנג מעטשעטען,
וואָס לייכט אַזוי געלעכטערדיג זיין האָר,
ווי אַ שטראַהלענדיגער כרובים׳שער „כאַ־כאַ״
אין מיטען שד׳ישען הו־האַ?
נישט שוין־זשע ווערט עס איצט דאָרט ווייט געבוירען
אַ פונק־נייע וועלט פון אַ נייעם אַלאַה?״ — — —

---

## VII.

### נירוואַנאַ שטאַרבט.

ברוין־פערחלום׳טע אינדוסען
געהען פליעסקענדיג דורך גאַסען פון בענאַרעס.
פליעסקען, פליעסקען:
טיף ביזטו און קיהל ביזטו, דו תהום־נירוואַנאַ.
גאַפּעז, גאַפּעז:
הם, די וואָלקענס,
מאָדנע זעהען אויס די וואָלקענס;
האָרכען, האָרכען:
אין די וואָלקענס קלינגט מטטרון,
קלינגט מטטרון...

בודא זיצט, פערלייגט די פיס,
אויף א וואָלקען־קישעו זיצט ער,
און מטטרון קלינגט אריין,
קלינגט אריין אין בודא׳ס אויער.
ברוין־פערחלומ׳טע אינדוסען
פליעסקען שוואַכער,
און מטטרון אין די וואָלקענס
קלינגט אַלץ שטאַרקער.

אין די וואָלקענס אַרום בודא׳ן
זיצען בלינדע באָדהיזאַטוועס:
צוקונפט־בודא׳ס, מפיל־קעפלעך.
ווייס־בעגלאַנצטע טויט־געזיכטער,
דאַרפען גאָרנישט, רעדען גאָרנישט,
וויגען בלויז מיט מפיל־קעפלעך,
ווי מיט גרינגע לאָטאָס־שטענגלעך —
באָדהיזאַטוועס.

און ס׳געהט אויף די פרוי נירוואַנאַ...
גרויס ווי שטערען, אַלט ווי וועלטען,
אויגען צוגעשטעמפעלט גליקליך,
הענט פעדלייגט אין טויטע תפלות...
בלויז דער טראַכט איז אָפעו, אָפען,
און אין טראַכט—אַ ים גלגולים:
פלאַנצען, חיות, בודא׳ס, מענשען — — —
ברוין־פערחלומ׳טע אינדוסען
קעהרען קעפ אָב...

בודא
וואַרפט אַנ׳אויג פון קיהלסטער חכמה
אין נירוואַנאַ׳ס קאַלטען אויוען,
אין דעם קבר־טראַכט נירוואַנאַ׳ס,

און די בלינדע באַדהיזאַטוועס,
די לבנה'לעך די קליינע,
שאָקלען קעפּלעך, ווי די גלעקלעך.
לאָטאָס=הייליג=העלע קעפּלעך —
מויערקעפּלעך.
איבער זיי שטעהט הויך מטטרון,
שר פון ווערען און צושטערען,
קלינגט און קלינגט—און בודא הערט נישט,
הויבט אַ האַנט—און בודא זעהט נישט,
הויבט אַ האַנט—און באַך!
דער ניוואַנאַ'ס טראַכט פערמאַכט זיך,
ווי אַ טיר אויף זיבען שלעסער,
ווי אַ בוים פאַלט אום נירוואַנאַ,
ס'שטאַרבען אויס די באַדהיזאַוועטעס,
ליגען טויט, ווי פיצלעך קינדער,
טויטע קעפּלעך, פיסלעך, הענטלעך —
בודאַ וויינט — — —

אויף די גאַסען פון בענארעס
הערט דאָס פליעסקען פלוצלינג אויף.
די נירוואַנאַ איז געשטאָרבען,
יאָמער ברויזט נאָך איהר דער גאַנגעס,
און אַ רעגען שפּרינגט אַראָב —

ס'רעגענט קדיש איבער בודאַ'ן!
אלע וואָלקענס ווערען פערד,
שוואַרץ=לויה'דיגע פערד:
די נירוואַנאַ איז געשטאָרבען,
ס'איז געשטאָרבען די נירוואַנאַ — — —
אַ — — —

ברוין=פערחלומ'טע אינדוסען
ווערען אויפגעלעבט,

און מטטרון פון די וואָלקענס
שיקט זיין פייל אראָב
צו דער צוקונפט.
פויגעל צ יי ט
שרייט פארביי —
און דאָס בודא־לאַנד ווארפט מטטרונ'ען
א בראָנזוענעם פינגער־צעהנדליג: „נעהם!
— קארמאַ וויל איך, קאַרמאַ!
פיהר מיך אין דיין שטורעם!"

---

VIII.

**ו ר אָ ט ע ס ק ע.**

ס'ווישען מיט די ווידלען
א טרער פון אויג די שדים.
געצלעך קוקען גאָט אָן —
אויס קעסט ביי גאָט! אויס איידעם!
גלעקלעך פון פאַגאָדעס
קלינגלען אויס הספדים:

„קלינגלי, קלינגלי, קלינגלי!
וועה אונז, ס'אַראַ'ן אומגליק!
עפּעס איינער—איינער —
פליהט מיט זון, מיט זון־גליה!
קלינגלי, קלינגלי, קלינגלי!
דזשינגלי, דזשינגלי, דזשונגלי!

„פליהענדיג פערטשעפּעט
האָט ער אונז, די גלעקלעך!
אוי א קץ, א קץ קומט!
קצ'ט דער קץ—איז שרעקליך!

ווערט פון גלעקלעך—גלעזלעך!
בלייבט פון געצלעך—ברעקלעך!

„עפּעס איינער פליִהט דאָ —
פליִהט און קלאַפּט איִן טעצלעך — — —
ס'קומט אַ גרויסער קאָטער
און ווערגט אויס די קעצלעך!
אוי, אַז וועה אונז, גלעקלעך!
אוי, אַז וועה אייך, געצלעך!"

---

IX

## און ס'ווילט זיִך שוינ'ס.

און ס'איִז אַזוי געשעהן, ווי ס'האָט געדאַרפט געשעהן:
די פרוי וויל פרוי ניִשט זיין, דער מאַן וויל מאַן ניִשט זיין,
דאָס קיִנד איִן וויגעל וויל קיין קיִנד איִן וויג ניִשט זיין;
די צייט וויל צייט ניִשט זיין, נאָר איִבער־איִבער־צייט,
און אַלץ וויל אַלעמען און זיִך אַוועקוואַרפען,
אַהיִן אַוועקלויפען, איִן יענע ערגיִצען,
וואָס זענען שוין דאָ, כאָטש זיי דאַרפען ווערען ערשט,
און זענען שוין פאַראַן אין אַלץ, איִן אַלעמען,
די האַלב־געבוירענע,—און ס'ווילט זיִך תיִכּפ'דיִגס,
און ס'ווילט זיִך שוינ'ס!

און ס'איִז אַזוי געשעהן, ווי ס'האָט געדאַרפט געשעהן:
די פרוי וויל פרוי ניִשט זיין, דער מאַן וויל מאַן ניִשט זיין,
דאָס קיִנד איִן וויגעל וויל קיין קיִנד איִן וויג ניִשט זיין,
און ס'זיִנגט דער פויגעל ניִשט—ער וויל די מענשען־שפּראַך,
און ס'רעדען מענשען ניִשט—זיי ווילען פויגעל־שפּראַך,
אַלץ וויל אַוועק פון זיך, פון זיִך, פון אַלעמען,
פון זיִך צו אַלעמען—און פריי זיִך אויסמיִשען,

און טיף זיך אויסמישען מיט וועלט, מיט איבער־וועלט,
און ס׳געהט צום אויסגעמיש, צום גרויסען אויסגעמיש,
צום משה־זוכענדיגען בלינדען ערב־רב,
דעם ערב־גאולה׳שען, דעם ערב־פסח׳שען!
און ס׳האט געריהרט!

און ס׳איז אזוי געשעהן, ווי ס׳האט געדארפט געשעהן,
און ס׳געהט נישט ווילענדיג, כמעט ווי שפילענדיג,
כמעט ווי שפילענדיג, אין קץ, אין קץ אריין,
אין לעצטען קץ אריין, אין יענע ערגיצען,
וואס דארפען ווערען ערשט—און זענען דאך פאראן,
און זענען שוין פאראן אין אלץ, אין אלעמען,
די האלב־געבוירענע,—און ס׳ווילט זיך תיכפ׳דיגס,
און ס׳ווילט זיך שוינ׳ס!

---

X.

**איצט איז די צייט.**

אנ׳אייביגער בלעם רייט דורות אויף דורות,
אנ׳אייביגער בלעם רייט הויך אויף אנ׳אייזעל,
און קלאפט איהם מיט שטעקענס די ארעמע פעל אב,
און שטעקט, ווי א הונט א צעדולטער, די צונג אויס
צום קרעציגען שעלטען...
אנ׳אייביגער בלעם מיט אייביגע קללות,
מצורע׳שע קללות,
רייט הויך אויף אנ׳אייזעל—און הויך ווײנט דאס אייזעל,
און הויך ווײנט דאס אייזעל: „איך בין דיין נשמה דאך!
ווענען־זשע שלאגסטו??!
איך בין דיין נשמה דאך, בלעם, בלינד־בלעם!"

אנ׳אייביגער בלעם שלאגט אייביג זיין אייזעל,
און ס׳גוואלדעוועט בלעם, וואס שטארקער ער שלאגט איהם,

און ס'טוט אַזוי וועה איהם, דעם בלעם, דאָס שלאָגען:
ער שלאָגט זיך אליין.
זיין לייב איז א בלויע פערגליווערטע מכה —
און די בלויע פערגליווערטע מכה איז טויט,
נאָר פון מאָל צו מאָל
פלאצט זי, ווי בלויער סוף־ווינטערשער אייז,
פון מאָל צו מאָל
ברומט זי אויף ווי א הונט, ווען מען ווייזט איהם א ביין,
און ס'גיסען זיך, גיסען זיך דמים...
ער שלאָגט זיך אליין — — —

נאָר איצט איז די צייט,
נאָר איצט איז די צייט, ווען מטטרון דער מלאך,
מטטרון דער מלאך, די שווערד אויס'ן שייד,
וועט קומען א בלאנקער, וועט אָבשניידען וועגען
מיט'ן שווערדישען שאַרף,
און ער און זיין שווערד וועלען בלאנקען צוגלייך
און פרעגען צוגלייך:
„בלינד־בלעם, וואוהין? בלינד־בלעם, נאָך וואָס?
ווייטער קיין טריט נישט, מענש!
וואָס שעלטען? ווען שעלטען? בענש!!!"

---

XI.

## הייליגער נאפאָלעאָן.

די צייט פון הייליגען נאפאָלעאָן —
איך זאָג אייך אָן: עס געהט די צייט!
זי געהט און שרייט
און שמידט א קרוין און גרייט א טראָן,
א טראָן דעם הייליגען נאפאָלעאָן!

נ׳שט קאָרסיקאַנער מעהר און נ׳שט פערלענדער!
מלאָכים־פ׳נגער נייהען פאַר א׳הם שנייא׳גע לבושין!
מטטרון וועט א׳הם צוטראָגען דאָס ר׳נגעל פון קידושין,
מטטרון וועט א׳הם קרוינען פאַר אַ קעניג א׳בער לענדער!
און נ׳שט מ׳ט אָקסען־טר׳ט געלאָסענע —
א׳ן פייערד׳גע קוטשען וועט א׳הר פאָהרען אויף זיין חתונה!
זיין כלה א׳ז ד׳ ערד, א׳הר זאָגט ער: „הרי את״,
אונטערפ׳הרער א׳ז מטט,
בדחן א׳ז דער שטן, נאָר דער וו׳לען צום גוטען,
דער הייל׳גער וו׳לען וועט זיין—דער מחותן!
ד׳ מאַכט וועט ער אַרויסרייסען פון ד׳ נאַפּאָלעאָנדלעך,
ד׳ שוועמלעך ד׳ געלע פון נאָכ׳ן רויטען רעגען,
און אַ ר׳ז׳גען גאָלד־שטול וועט ער אויסשמ׳דען פון טראָנדלעך
און שטעלען דעם שטול אויפ׳ן אָנהויב פון וועגען:
שט׳לקייט וועט ז׳ך שטעלען פאַר זיין שטול פון שטולען
און אָבשטעלען בל׳נדע געיעגען!
נ׳שט ווערגען וועט ער און נ׳שט שט׳קען —
נאָר הערשען אויף קערפערס דורך הערשאַפט אויף גייסטער,
ער, דער בעפרייטסטער!
א׳הם הערען שוין ערשטע דערוואכער, א׳הם קענען ותיקין!
רויב־פויגעל א׳ז ער געווען, נאָר צום סוף פון דער וועלט וועט ער קר׳געז זיין ת׳קון —
און נאָהנט א׳ז דער סוף פון דער וועלט שוין! און נאָהנט א׳ז דער אָנהויב דער גוואלד׳גער!
וואָס שווארצער דער וואלד א׳ז דער צייט׳ס, וואָס פערפלאָנטער־טער, וואלד׳גער,

אלץ ג׳כער, אלץ באלד׳גער
קומט ער, דער העלער, דער פרייער, דער פעלד׳שער,
דאָס ק׳נד פון בעשעפער,
דער קעניג דער העלד׳שער!

פון חלום דער צייט׳ס, פון איהר חלום איין קומט דער טרעפער!
זאָל ניכטערקייט לאכען, זאָל צווייפעל זיך קרימען, זאָל טויבקייט — נישט הערען —

ס׳וועט ווערען, ס׳וועט ווערען, ס׳וועט קומען און ווערען!
ס׳וועט ווערען און קומען! ס׳וועט ווערען און קומען! ס׳וועט ווערען און קומען!
נישט לאנג וועט די שלאנג נאָך פערזוהמא׳ן די ערד און פערטומאה׳ן:
מיר וועלען איהר ווייזען, וואָס ג אָ ט הייסט, דער מוהמען!
ארויסרופען וועט פון דער וועלט׳ס לאבירינט
דער שופר מטטרונ׳ס א הימלישען אינד —
און דער אינד וועט מיט ריקוד-פיס שנעלע צעטרעטען די שלאנג...
נישט לאנג וועט די שלאנג נאָך פערזוהמא׳ן די ערד אונזער מאַמע, נישט לאנג!

נישט לאנג, ווייל עס דונערט כסדר מטטרונ׳ס מרכבה!
אָ הערט, אלע טראָנעז וועלען זיין איין טראָן,
אלע לענדער — איין לאנד!
דער הייליגער נאפּאָלעאָן
וועט זיין אזוי הייליג, אז אָבזאָגעז וועט זיך פערשטאנד
צו בעגרייפען די אונשולד פון זיינס א מחשבה,
און האר וועט נישט זיין און נישט זיין וועט שויז מעהר סאנקילאָט
אונטער זיין סצעפּטער!
זיין געזעצבוך איז ג אָ ט —
און דעם טייוועל, דאָס אָנגעבלאָזט-פוסטע געשטאָפּ,
אז זעהן זאָלעז אלע, אז ס׳האָט נישט דער טייוועל קיין קאָפּ,
קעפּט ער!

---

XII.

## אַ נ ב ע ר ק ע ה ר ע נ י ש ע ן.

אין דער פראַכט-וויטרינע וועלט
איז אויסגעשטעלט אַ מאַנעקען,
משונה עהנליך אויף אַ מענש:
סיניאָרע טייוועל.

און אַז דער כאַם דער קרעציגער, בעלאָדען מיט דער ביקס,
געהט שטיוועל-שווער פאַרביי —
געפעלט דער טייוועל איהם. אָט דאָס —
דאָס איז דער מענש!
דאָס איז דער זעלנער!

און אַז די גאַסען-מויד געהט דורך
ציטערט איהר אַקסעל אויף אונטערן טוך.
אַך, אָט דאָס —
דאָס איז דער מענש!
ס'איז ער, ס'איז ער אַליין —
דער זכר!

צעבונטעוועט זיך הייס דער כאַם דער קרעציגער,
טאַנצען בערען אין די אויגען איהם:
„גיט מיר איהם אַרויס, מיין פריינד, מיין חבר!
וועלען ביידע אויף מלחמה געהן!"
צעבונטעוועט זיך הייס די געלע גאַסען-מויד,
די קראַנקע פינגער איהרע פויסטען-זיך:
„גיט מיר איהם אַרויס — איהם זוך איך אין די ווינטער-נעכט
ער וועט מיר זיין אי מאַן, אי ליעבקינד!"
הויבט די ביקס דער כאַם דער קרעציגער,
הויבט איהר פויסט די אַלטע גאַסען-מויד:
„נישט שטעה אין וועג, וויטרינע גלאַנציגע,

וויטרינע, אייביגע פערשטעלערקע!
אהער דעם מאַן!
אהער דעם העלד!
ברעך זיך!״

פלאַצט וויטרינע וועלט!
אין בלאָטע אוז אין בלוט — איהר זילבערן,
כאַם מיט גאַסען־מויד שלאָגעז בלאַט,
מעז שלעפּט אויפסגוואַלד דעם טייוועל ביידע...
לעבט ער נישט, דער גבור,—ניין!
לעבט ער נישט, דער גבור,—וועה!
דער מענש, דער גבור לעבט נישט
שטעלט קיין פוס נישט!
ס'האָט געגאַרט אַ מאַנעקען
אַנ'אָנגעשוואָלעז־בעמאָלענער,
אַ חשוב'דיג־נאַריש־געדראָלענער, —
וועה!

וויינען ביידע, כאַם און גאַסעז־מויד!
זי — די געלע ברוסטען רייסענדיג ווי גראָז,
ער — די קרעץ די בלייכע קראַצענדיג ביז בלוט.
און דאָס איז גוט, וואָס ביידע וויינען זיי,
און דאָס איז גוט.
אַזוי ווערט דערגאַנגען די טויטקייט פון טייוועל,
זיין נישט־געשטויגען־נישט־געפלויגענקייט,
אַזוי ווערט דיין נאָמען געהייליגט נישט־ווילענדיג, —
דו, וואָס דו ביזט אין דער אמת'ן —
דו, וואָס דו ביזט!
וואָרום עס וועקט דיך דאָס הויכע געוויין פון דער שנאה,
וואָרום עס ווערט דאַן אַ נייע וויטרינע
אריינגעשטעלט,

שענער נאָך און זילבערנער פאר דער,
וואָס זיי האָבען צובראָכען.
און פונ׳ם אינדערוואָכעו
שפרינגט ארויס דייז שבת — הללויה.

---

XIII.

## דערנאָך.

ווי קליינע קינדער טופען היינט מיט פיסלעך
אלטע וועלטעי! גאָרנישט איז אמאָליגו!
הערשען וועט עמלק —
דערנאָך וועט קומעו ליכט!

נאָכ׳ן ים פון קולות בלייבט אנ׳עכא,
נאָכ׳ן טומעל פון די וועלטעו עכאָ׳ט
איין קלאנג, איין עכאָ:
אחד!

XIV.

## ערשיינונג ביים ים.

### מיסטעריום.

(צווישען זון-אונטערגאנג און לבנה-אויפגאנג. פארבען-שפיל. דער שטראנד קוקט זיך צו צום שפיל אבגעקיהלט-ניכטער, ווי א הארץ אהן גלויבען. ביים ברעג — א מענש און וואנדער-קלעפ דער, גרויע ווי אווענט און ווי אומעט).

**דער מענש:**

כ׳האָב לענדער פיל געזעהן, געווען איז שטעט פיל.
איך האָב געמיינט: איך וועל געפינעי רוה מיר.

איך האָב געגלויבט: עס בליהט ערגיץ דאָס נייע.
פוז מיר און פוז מיין שד ביז איך געלאָפען.

אז וועה, אז דאָפעלט וועה דעם אויג, וואָס זעהט פילו
דאָס אלטע האָט געקאָכט, געברויזט ארום־מיר.
עס האָט אין מיר געלעבט דיזעלבע חיה.
מיין שד האָט אויף די גאסען מיך געטראָפען.

נישטאָ, נישטאָ קיין נייסען! אייטעל אומעט.
אז קראנק ווי איך איז ים, דער ווילדער בענקער,
און בלינד ווי איך די בערג, די בלינדע גאפער...

איין אומעט האָט די גאנצע וועלט פערטומאה'ט.
אין רויטען מאנטעל ווארט אויף אלץ איין הענקער.
און גאָט וואו איז? וואו זיצט ער, דער בעשאפער?!

## פ ע ל ז ע ן

(אין לעצטען העלסטען שקיעה שיין. חזר'ן איבער)

„און גאָט וואו איז? וואו זיצט ער, דער בעשאפער?!"
קריכט אום א קליינער, בלינדיטשקער און שלאפער
שטעלט אויס דעם ים זיין נישטיגקייט — און פרעגט...
המ...
וואָס איז דאָס פאר א פעלז אזוינער: ג אָ ט?
איבער וועלכע ים'ען שטעהט ער?
ווילאנג בעשטעהט ער?
המ...
וואָס איז דאָס פאר א פעלז אזוינער: ג אָ ט?

## א ז ע ג ע ל

(שרייט פונדערווייטענס)

„אין רויטעז מאנטעל ווארט אויף אלץ איין הענקער"...
וועה, אונטער מיר, איז אבגרונד

שטעהט ער, דער רויטער,
ליגט מיט אנ'אויגעל,
גארט מיך דערטרינקען,
מיך קלארען, מיך וויסען —
איך קען איהם! איך קען איהם!
א הענקער! א טרענקער! אנ'אלץ-און-אלע-טויטער!
אוי וועה, א רויטער!

## די לבנה

(געהט אויף. איין פליגעל — איבער'ן בלאסען וואסער, דאס אנדערע—אריינגעשטעקט אין דער שפיגעלדיגער זאמדיגקייט פינ'ם ים-שטראנד, ווי א שבת-ליכט איז א טעפעל זאמד):

פון הויכקייטען קום איך,
צו תהומות נידער איך,
פליה אום איבער וואסערן,
קוילער מיך [illegible] אין זאמדען —
און אומעטום אומעט, אומעטום אומעט!
ימ'ען מיט אומעט!
איין אומעט האט די גאנצע וועלט פערטומאה'ט,
פערטומטומ'ט, פערטומעלט!

## א קול פון ים ארויס

(קאלט, שפאטיש, דומפיג)

און האסטו, מענש, פערלוירען דיין נשמה-גליק —
וואס שטעקסטו אן אויף פעלזען און לבנה'ס?
קרעפיר אין זאמד, דו קראנק-מאכער, דו יאמער-פליג!
נישטא פאר דיר, פערגיפטער, קיין רחמנות!
אוועק מיט דיר, אוועק!

## א צווייט קול

(רחמנות'דיג)

און ווילסטו—קום אין ים אריין בעזעצען-זיך!
עסווארט אויף דיר דער אבגרונד דארט דער גרינגסטער!

דאָרט קענסטו אייביג פוילען, אייביג נעצען־זיך
אין וואַסער אייביג־גרין און אייביג־פינסטער!
בעזעץ זיך אויף מיין דעק!

## מטטרון

(בעווייזט זיך אין דער ווייטעניש. די פיגור, בעוועגליך אין אומבעשטימט, בעשטעהט פון א סך קוים-אָנגעצייכענטע פליגלען, רעדער און פנים׳ער. אינגאַנצען זעהט עס אויס, ווי א מזל, וואָס דרעהט זיך אויף לבנה-שיין און רעדט מיט די רעדער):

ווער וואַגט דאָס שלעכטס צו רעדען אויף מטטרון׳ען?
די וואָרעם איינער! שפּייער אויף גאָט׳ס פּייער!
א העכקער, זאָגסטו? יאָ, איך בין קיין יתרון ניט —
נאָר, נאַר, איך בין דער אייביגער בענייער!

מיין וועלט איז אייביג ווערענדיג, נישט זייענדיג —
וואָס חלומט זיך די ערד־לייט, אז זיי זענען?
א ווערען געהט! א ווערען ווערט! און שרייענדיג
פערברענט זיך אלץ, נישט אויפהערענדיג ברענען!

פרעגסט: גאָט וואו איז? — זיין הערשאַפט האַלט אין ווערען נאָך!
ווער בין איך, פרעגסטו? — כ׳בין דער גרויסער ווערער;
און מוז מען, קרעפטיג בויענדיג, צושטערען ערשט —
יוער וואַגט מיך רופען בלויז דערפאַר צושטערער?

נאָך קיינמאָל נישט געוועזען איז א צייט אַזאַ:
ס׳איז וועלט־ווינטער — און ס׳קלינגט דורך איהם מיין שלייטען!
נאָך קיינמאָל נישט געוועזען איז א בייט אַזאַ:
איך האָב געזאָגט — און אַלץ האָט זיך געביטען!

ס׳איז נישט, ס׳איז נישט ווי שטענדיג! ס׳האָט געביטען זיך!
די וועלט וויל ווערען אייביג! ווער זשע, מענש, פערלענדיג!
די בערג — זיי האַלטען אלע ביים צעשיטען זיך!
דער ים איז היינט אַנ׳אַנדערער, ווי שטענדיג!

ס'איז נ י ש ט די זעלבע חיה, ס'איז אנ'אנדערע —
אין דיר, ארום־דיר לעבט אנ'אנדער חיה!
דער שד, וואס האט געטראפען דיך אין וואנדערן —
האט קלויעו שפאגעל־נייע, שפאגעל־נייע!

די צייט איז גרויס! אויף מויערן פון שטעט אלע
געהט אויף מייז גייסט געפאנצערט און געהארנט!
וואס איז דער שטן קעגען מיר? א שרעו אלע!
עס האט ווי איך נאך קיינער נישט געצארנט!

די צייט איז נאהנט! מען לייגט דאן אין א וויגעל מיך,
מען הענגט מיר אן א וועלט־שלאס און א ריגעל;
און האט מיין ים קיין ברעג נישט, וואכסט און וויקעלט זיך, —
צו קץ־הימיז לייגט מען איהם אין וויגעל!

אריבער אייער ערד דער האלב־פערלוירענער
שפרייט אויס איהר האנט די לעצטע פון עפאכען!
דאס פיהרט צום סוף מיין גייסט אייך דער צעוירענער!
דאס אלטע ליגט צובראכען!

ד ע ר ס ו ף ו ו ע ט ז י י ן ד ע ר א נ ה ו י ב פון ב ע ש ט ע נ ד י ג ע ן,
און איצט — פערלענדען מוז איך און צושטערען!
ווען כ'וועל דעם ג ר ו י ס ע ן ז י י ע ר ' ס ווערק פולענדיגען —
דאן הער איך אויף צו ו ע ר ע ן!

---

# XV.

## מ ט ט ר ו ן א י ן א ו נ ז.

פערהוילען פון די קינדער בלייבט דערווייל דער טאטע — — —
נישט אין שטורעם איז גאט!

נישט אין פייער איז גאָט!
אין שטורעם און אין פייער איז מטטרון —
ס'איז זיין מטטרונ'שער לעת-עתה!

אין נאַקעטען מדבר פון אונזער נשמה,
וואָס אויסגעלערט שטעהט איבער איהם
ווי אַ גלאָק אָהן אַ צינגעל, דער הימעל;
וואו מיילענווייט אַרום צוטרייסעלט נישט אַ פּאַלמע
די גרין-בטחונ'דיגע פליגעל
און פוסטקייט וואַרפט דאָס ליידיג-גרויסע האַרץ
איבער די שבעה-ימים פון אַ ווייטקייט,
וואָס בלייכט זיך ווי אַנ'אויסגערונען אויג
וואו ווי אַ לאַנגער הויקער-קעמעל שפּאַנט
אויף דאַרע שטאַנגען-פיס און זויפט פון פריה ביז נאַכט-צייט
דאַס וואַסער פונ'ם לאַגעל, וואָס זי טראָגט אין אייגענעם לייב,
אַ דורשטיגע און באַרגיגע מחשבה —
זאַפּט איין אין אויג, דעם קיילעכיגען ברונעם,
אַ ליאַדען ברעקעל אָבגלאַנץ, יעדען שאָטען פון אַנ'עקדיש,
קנעט געלען זאַמד מיט קעמעלשער עקשנות
און איז אָהן אויפהער מקשה אויפ'ן לשון פון די גלעקלעך,
וואָס הענגען אויף איהר האַלז, ווי אַ געשלידערעכץ פון פּערעל:
„גליאָן! גאָט! גליאָן, וואו איז גאָט?" —

איז נאַקעטען מדבר פון אונזער נשמה,
וואו ס'ליגט פערשטעקט ערגיץ אַ קדמת-דנא-הייל,
אַ נעסט פאַר שטומהייטען, וואָס זייער צונג
דערצעהלט דער נאַכט דעם סוד פון זייער אומגליק,
זעהט אויס פון דרויסען ווי אַנ'אויפגעפּראַלטער גומען
פון הונגעריגע קראָקאָדילען,
איז אינעווייניג — ווי אַ שטאַרער מת,

אבי־אבות־הטומאה׳דיִג צעצויגען,
מיִט הארטע שמייכלען אויף דער בלויקייט פון די לעפצען
און אויגען, בליִנד פערטיִעפטע אין זיך גופא
און אין דעם אייגענעם געהיימען טויט,
וואָס לעבט אַנ׳אַנדער לעבען;
און וואָס אין יענער הייל בלאָנדזשען מיִר אום פון
כמה דורות
און פלעדער־מייז בערוישען אונז די טריִט, —
ריִש־רויש, ריִש־ראַש, —
און אונז אַנטקעגען ווייִנען קראַנקע קוואַלען,
ממזרים פון דער מאַמע ערד,
אייביִגע אונטערערדיִשע פוסגעהער, —
אוי־וועה, אוי־וועה, —
איִן יענעם מדבר און פאַר יענער הייל
שטעה׳מיִר, ווי פאַרצייטענס אליהו
פאַר דער הייל פון הר־חורב,
און, ווי דאַמאָלסט, טרעפט אונז דאָ מטטרון
מיִט אַ דאָפּעלטען גערודער:
מיִט אַ שטורעם — איינס!
מיִט אַ פייער — צוויי!

אויף אונזער מדבר האָט אַ שלאָג־געטון אַ שטורעם
און מטטרון שטעהט איִן שטורעם ווי אַ שטאָל־אַקס,
ווי אַ מטה הויך געהויבען,
און אַ שלאַנג אַרום דעם מטה —
וואַרפט די שלאַנג זיך קנויל נאָך קנויל,
אָט ברייט, אָט שמעלער,
און דער מטה גיִט קיין צוק ניִשט —
שטעהט!

וואַקסען שוואַרצע בוימער שטויב,
טומלען שוואַרצע בוימער שטויב,
וואַקסט און קאַכט אין אונז אַ שוואַרצע שטויב־וואַלד,
און עס יאָגען דורכ'ן שטויב־וואַלד :־
הינט, מצרים'דיגע הינט, —
אַ געבילן!
אַ געבריל

הינט ווי אָקסען, הויך און שווער,
הינט ווי פליגען, פלינק און קליין,
הינט פון דאָרט, פון דאַנען הינט,
כלערליי,
רייה נאָך רייה,
און מיט אַלץ פיהרט אָן דער מטה
און מיט אַלץ פיהרט אָן די שלאַנג —
שלאַנג מיט ציטער, שטאָק מיט שטעהן,
שלאַנג מיט: „ניין",
מיט: „דוקא"—שטאַנג!

בילען פריש־משוגע אַלע הינט,
שפרינגען טמא, טמא, טמא
מיט'ן פנים צו דער שלאַנג —
און שפרינגען קדוש, קדוש, קדוש
מיט'ן פנים צו דעם מטה,
שפרינגען אַהין און צוריק
ווי קינדער פאַר אַ שפּיגעל,
שטעקען אַרויס די צעקלונגענע צינגער,
די בילענדיגע גלאָקען,
וואַרפען לאַנגע דונערס פון די טרייפע מיילער,
שטעלען־אויף די אויערן און לאָזען זיי אַרונטער,
שטעלען פיס צום קאָפּ צו און לאָזען זיי אַראָב,

רוקען זיך צונויף און לויפעז זיך פונאנדער,
לויפען זיך פונאנדער און רוקען זיך צונויף —
האוו, האוו, האוו!
הא, הא, הא!
א געלויף!

ווען-זשע וועט די שלאכט געלינגען?
ווי-זשע וועט בלייבען: ניין, צי יא?
שלאנג צי שטאק —
ווער אויף ווען וועט גובר-זיין,
ווער ווען וועט פערשלינגען? —

און ווי מיר פרעגען — ווערט אין אונז אנ'אומבייט...
אויף אונזער מדבר
געהט אויף, ווי א ריינע לבנה,
דער שפיגעל פון וואונדער, וואס וועלען געשעהן:
קרעכצען אלע הינט, אלע הינט,
אימה'דיג צאפלען זייערע אויערן,
ווי הערבסט-בלעטער אויפ'ן ווינט, אויפ'ן ווינט,
בילען זייערע אויגען שטומען ווערטאג
אויף דער לבנה, וואס טרעט אין אונז אויף,
ציטערן, ציטערן לאפעס...
צינגער לייגען זיך אויס דרויסען פאר'ן מויל,
ווי א מחנה בעטלער אין רויטע שמאטעס...
ס'ציטערן, ציטערן לאפעס...
און שטיל ווערט דערנאך און דער מדבר הארכט אויף:
די הינט
געפגר'ט און צו קבורה נישט געקומען,
דיר-נישט, מיר-נישט אנטקומען!
שטעהט ער, דער מדבר, אין פונק-נייע קליידער
פון פייער

אַ כהן מיט פּאַנעץ פון פייער אין האַנד,
און הימעלט, און הימעלט!
מטטרון אין מיטען דעם פייער
שאָקעלט זיך אויף און אַראָב, ווי אַ ליכטיגע וואָגשאָל,
וויקעלט און דרעהט די צעפינקעלטע פליגעל:
„איצט קאָך איך אַ שטילקייט אויס —
וואַרט"!

ער באָדט זיך אין מיטען דעם פייער, ווי קינדער אין טייך,
שפּילט דאָרט און האָפּסט דאָרט, ווי שאָף אויפ'ן פעלד,
ווען ס'בלאָזט זיי דער פּאַסטוך די פלייט.
ער לייגט זיך אין מיטען דעם פייער, אַזוי ווי דניאל אין גרוב,
הויבט זיך און שפּרינגט, ווי חלומות פון נאַכט,
וואָס לויפען גאַלאָפּ אין אַ קאָפּ.
דאָס פייער זינגט פייערדיג-פרעהליך,
מטטרון אין פייער זינגט פייערדיג-פרעהליך,
און ס'ווערט אינ'ם פייער אַ מאַן מיט אַ ווייב,
פון ווייבער — איין ווייב,
און פון מענער — איין מאַן:
ניי-אדם, ניי-חוה!
נאַקעט, אַזוי ווי אַמאָל אין גן-עדן,
שטעהען די ביידע —
ביידע ווי בוימער.
ברענען די בוימער: אַ בוים אַ בעלאָדענער — זי,
קרעכצט אונטער פורפורנע עפּעל
און איז כשוף אינגאַנצען און בלוט, —
טייטעלט מטטרון אויף איהר: ע ץ ה ח י י ם !
איז אַ בוים אַ בעלאָדענער — ער,
אַ בוים אַ דערהויבענער, בערדיגער, גלייכער,
ווילען אינגאַנצען און זון, —

און מטטרון שטאָלצירט: ע ץ ה ד ע ת!
לייכטען די נאַקעטע בוימער גן=עדנ'דיג, שמחה=וששונ'דיג,
כלה=חתנ'דיג,
פלעכטען זיך איינער אין אַנדערענ'ס צווייגען,
איינער אין אַנדערענ'ס לייב,
בליהען ברוסטיגע עפּעל אין מעגישער זון אריין;
צווישען ביידע וואַרפט ב ר י ק ע ן דאָס פייער,
הויקערט זיך, פליהט פון איין ראָד אין אַ גרעסערן,
וואַרפט זיך ווי פלינקע פּאַקירישע מעסערס,
וואַלגערט מגילות אויף,
בלענדענדיג, קרייזע פולענדענדיג, הימליש=נהורא'דיג,
מילד=מוראדיג,
אותיות מיט דאַרע מקובל=הענט צייכנענדיג
צווישען די נאַקעטע ברענערס די ביידע,
ביז ס'ברענען די צוויי אין זיין פלאַקער ווי איינס,
ווי אַ רויט און אַנ'איינציג געדיכטקייט.
אַ קוק — און עס ווערט אינ'ם רויטען געדיכטקייט אַ שפּאַלט,
אין שפּאַלט — אַ געשטאַלט:
ס'גערט אַרויס אין דער שטילקייט אַ קינד ערשט=געבוירען,
אדם דער לעצטער,
און דאָרט, פון דעם ערגיץ דעם צעהנטען, שווימט עמיץ אַנטקעגען
רוקט זיך אין נעפּעל,
וואַרפט קושען צום קינד און קומט נעהנטער און נעהנטער...
ווער ווייס, ווער דאָס איז?
און שטיל איז, אויס פייער, און ס'חידוש'ט דעם מדבר:
„ווער איז? — ווער געהט?"
ענטפערט מטטרון: „ס'איז ער!
— אין דער שטילקייט איז גאָט!" —

ביים שיין פון דער ריינער לבנה, —

דעם שפּיגעל פון וואונדער, וואָס וועלען געשעהן, —
זעהט די צוקונפט אַזוי
דער נאַקעטער מדבר פון אונזער נשמה.

---

XVI.

## קאָסמישער פלאַם.

קאָסמישער פלאַם!
פון וועלט-עק ביז וועלט-עק
ברויזסטו איצט שירה —
שברירי, ברירי, ריריי —
און אַלע וועלדער צינדסטו,
און אַלע הערצער בינדסטו,
און צו גאָט געפינסטו
אַ נייעם גראַם,
קאָסמישער פלאַם!

קאָסמישער פלאַם, אין דיין וואַנדער
דורך לענדער, —
אין אונאויפהערליכען גלגול און ענדער,
קנוילסטו זיך אויף און אַראָב, סאַלאַמאַנדער,
צווישען טאָגליך און לעצטער אשמורה,
איידער עס צעגיסט זיך נייע זון אויף אַלטע דעכער.
און פאַר דיין דאַנס מאַקאַבר האָבען אַלטע ווייבער מורא,
און ס'גנב'ען פון די תליות זיך אַראָב פערברעכער
און לאַכען מיט שפּיציגע ציין וואָלקולאַקיש און טמא:
„געמאַכט האָבען מיר עס! ס'איז אונזער נקמה!"
אַ ליגען, נישט ז״י! דו ביזט אָדלער און מעווע, ביזט לייב און
ביזט לאַם,
קאָסמישער פלאַם!

אַנ׳איבער־האַנט צינדט דיך — און ווער קען דיך לעשען?
ער איז־נישט קיין יתרן,
דיין אַרויסשיקער דער האַר,
דער רוישיגער, דער שר
מטטרון!
און דאָך שיקען ברכות פון ק״ץ דיינע רוישיגע פלוכען!
טאָ פליה,
גליה —
און שפרייט דיינע הענט אויס צום דוכן!

קאָסמישער פלאַם!
קען איך דען שרייען מיין ביטערסט געשריי,
ס׳געשריי פון אַ מענש, וואָס ווערט ליגען צעטראָטען
איצט אָדער מאָרגען
אונטער דער זויל פון זיין ברודער דעם כאַם, —
ווען קעגען דעם קץ׳ס האָרי זאָגט, וואו עס לויפען שוין אום ווי שטורקאַצען
די גאָלדענע פערד פון בעגינען
מיט זונען דריי הונדערט און צעהן אויפ׳ן רוקען,
טאַנצט אַרויס פון מיין מיטען דאָס האַרץ
מיט פויק און מיט טאַצען,
וו: מרים אין מדבר?! — —

## XVII.

### אָדע צו דער פרייהייט.

כ׳האָב ניִשט דערפאַר דיך ליִב, ווייל כ׳ליִב די גיִלאָטינע,
און ניִשט דערפאַר, ווייל שינדען וויִלט זיִך מיִר די שיִנדער,
און ניִשט דערפאַר, ווייל כ׳האָב — ווי דיינע קיִנדער —
געלערנט קריִצען וועלפיִש מיִט׳ן צאָהן.
ניין, זייער שוואַרצער צאָרן, זייער רויטע פאָהן,
די וואוט־געקריִמטע צייז פון זייער קנאה,
אויף אַלדאָס ניִשט־המונישע געשאַרפט:
דאָס אַלץ איִז מיר פערהאַסט פון אייביג אָן,
און גיכער וואָלט דאָס, קעניגין, געדאַרפט
ניִשט ליבע וועקען צו דיין קרוין, נאָר שנאה!

ניִשט ליִב איז מיר דיין פעבעל׳ס ווילד געלעכטער,
זיין ווילען איז מיר פרעמד, דער ניִשט־גערעכטער,
א ווילען, וואָס בעדאַרף ניִשט קיין בעווייזען
אוז וואָס פערקנס׳ט גערעכטיגקייט מיט אייזען!

מיין האַרץ איז ניִשט מיִט די, וואָס ברענגען דיר צושלעפען
די בלוטענדיגע קעפ פון דיינע אונטערדריקער;
ס׳בעוואונדערט ניִשט מיין גייסט דעם קאַמף פון סאַנקילאָטען,
וואָס הונגער מאַכט זיי העלדיש און די שנאה שכור:
זיי ווילען דיך אַליין פונדיינעטוועגען קעפען!

איך ווייס, ווער ס'האָט געלערנט זייער האַנט צום ראָטען
פערשקלאַפט האָט זיי דער ט ו י ט, דער ערגסטער פון
דעספּאָטע

מיין האַרץ איז נישט מיט די, וואָס בויען באַריקאַדען,
וואָס אין דיין הויכען נאָמען צינדען זיי און ברענען,
און נישט מיט קיין טריבונען, וועלכע קענען
אַזוי געשיקט צענויפלייגען טיראַדען,
אַז בלוט זאָל פערגעלוסטען זיך — און שוין
זאָל תלין=קליידער אָנטון דער המון,
און שניידען זאָל ער קעפּ פון סובערענען,
און ווערען זאָל צעקלאַפּט פון איהם, צעשמעטערט,
וואָס ער, דער שקלאַף, האָט ערשט אַליין פערגעטערט
און טיף דערפאַר געבוקט זיך: זייער קרוין!

אויך נישט דערפאַר, אָ פרייהייט, איז מיר טייער
דיין גאַסטען צווישען אונז, וויל דיר צושטייער
גיט דער המון זיין שטובען=גליק אַוועק —
און בויט אַלטאַרען פאַר דעם גליק פון כלל!
איך ווייס: אויף מאָרגען איז ער גרייט פערהאַנדלען
דיין קאָפּ דעם שטן, און איז גרייט פערוואַנדלען
דיין הויכקייט — אין אַ טאָל פון טויטער שרעק,
דיין ווייסען טעמפּעל — אין אַ רויטע שטאַל!

נאָר טייער ביזטו, פרייהייט, מיר דערפאַר,
וויל ס'קוקט אַרויס ג אָ ט ' ס מ ל כ ו ת דורך די רויכען,
וואָס געהען פון דיין בלוטיגען אַלטאַר!
דערפאַר ביזטו מיר טייער, וויל עס מאַכט
דיין דונער נאָהנט צום הימעל אונז דעם הויכען,
און וויל ס'דערגעהען הערצער, אַז עס וואַכט
א ב י י ט ע ר פ ו ן ד י צ י י ט ע ן, ו ו אָ ס ז י י ן ב י י ט ע ן

פ י ה ר ט ג אָ ט=אַ ר ו י ף ד ע ם מ ע נ ש ע ן ד ע ם ב ע נ י י ט ע ן,
און אַז דאָרט אויבען ווערט פון אונז געקלערט,
אַז נישט פערגעסען האָט מען אָן דער ערד,
ווי אָן אַ טרוים אַ בייזען און אַ ווייטען!

---

## XVIII.

### א ב נ י ש י ש ט ה ו ר.

ההוא ינוקא — — — שקל סכינא וקרעיה. (חגיגה)

אָט געהט דער מענש, וואָס האָט געטויט אַ קינד!
אמאָל האָט ער געהייסען: ב ן=אַ ב ו י ה.
אַנ'אַנדערער געוואָרען... קוקט איהם אָן:
אַ קינד, אַ קינד האָט ער געהרג'עט!

אויסגעשטאָרבען איז ער, שטיינערן און שטאַר.
ער געהט מיט אַ פּנים אַ שטיין און מיט שטיינערנע הענט:
אַ פּנים אָהן געוויין און אָהן געלאַך
און הענט ווי פערוואָקסענע פעלזען, ווי ווילדע געוויקסען פון שטיין.
ער געהט ווי אַ מענש, וואָס האָט געטויט אַ קינד...

זיי זענען זאַלבעפערט געווען אויף יענעם אָרט,
וואו דאָס פּאָרל אבני=שיש=טהור
האָט ספינקסען=קעפּ געהויבען צוויי
מיט זיבען אויגען, זיבען אויגען אויף אַ קאָפּ...
מיט ב י ל ד ע ר האָט דער פּרדס זיי בערעגענט —
איז גאַנץ=געבליבען איינער נאָר: עקיבא.
און אַ צווייטער איז דול, און אַ דריטער — מען ווייסט
נישט זיין קבר,
דער פערטער — אלישע — זיין קבר ווייסעז אַלע,

אַ חוֹיך אין אים אַליין:
זיין קבר דער פֿערשאָטענער איז ער אַליין...

אָט געהט דער מענש, וואָס האָט געטויט אַ קינד:
זיין שיינענדיגע אונשולד.
אַמאָל האָט ער געהייסען: בן־אבויה.
איצט האָט ער נישט קיין נאָמען. ס'איז נישט ער —
ס'איז אחר!

„אבני שיש טהור“, — ברומט ער אויף די גאַסען,
„אבני שיש טהור“, — קרעכצט ער פֿון זיין נאַכט־שלאָף:
אבני שיש טהור — אייביג זעהט ער שטעהן זיי:
איינער קעגען צווייטען, מירמעל קעגען מירמעל,
פּרצוף קעגען פּרצוף,
שטיין פֿערליבט אין צווייטען,ביידע לויטער ליבע,
די פּרצופים ביידענ'ס זענען זיך מתיחד —
און עס שאַרכט דער פּרדס: „שטילער — — יחוד — — —
יחוד“ — — —
שטעהט פֿון רעכטס דער איינער, שטעהט פֿון לינקס
דער צווייטער,
ווי ס'איז ווייס דער איינער — איז שטאָק־שוואַרץ
דער צווייטער.
שוואַרצער ווערט דער שוואַרצער, און דער ווייסער —
ווייסער.
איז דעם שוואַרצענ'ס פּרצוף לילית'דיג און ווייביש,
נאַכט, וואָס תאוה'עט: „וויל מיך“,
און דעם ווייסענ'ס — מעניש,
טאָג, וואָס ענטפֿערט: „וויל איך!“
זיבען אויגען שוואַרצע בעטען: „ווערט אויף א י ה ר
שלעכט“.

זיבען אויגען ווייסע זינגען: „ווערט אויך איהר גוט,—
זיבען קעגען זיבען.
שלעכטס פערליבט אין גוטען, ס׳גוטע — אינ׳ם שלעכטען.
ווער־זשע איז דא גובר? ווער־זשע איז דא גובר?
און עס שארכט דער פרדס, און עס שארכט דער
פרדס — — —

— — — — — — — — — — —

און אז די אבני־שיש האבען זיך פעראייניגט,
די אבני־שיש־טהור,
און ס׳איז פון פורע דבקות צעגאנגען זייער שטיין־
הארץ.
צעגאנגען און געווארען דאס פריהלינג־ריינסטע וואסער, —
האט ווייס געזעהן עקיבא, און אלישע — שווארץ.
האט געלאכט עקיבא: „ביידע זענען ווייס איצט —
ווי ווייס, ווי ווייס דאס וואסער —
דער ווייסער האט געוואונען!"
האט געביטערט אחר: „ביידע זענען שווארץ איצט —
ווי שווארץ, ווי שווארץ דאס וואסער —
ווי שווארץ, ווי שווארץ עס מבול׳ט —
דער שווארצער האט געוואונען!
שווארץ די וועלט די גאנצע, טויט די וועלט די גאנצע,
און א שטיין א שווארצער איז דער וועלט׳ס מצבה,
איז דער וועלט׳ס מצבה"...

אויגען דארף מען וואהרע, ווען מען קומט אין פרדס!
אחר׳ס אויג דאס פאלשע האט געזאגט איהם ליגען,
האט געבוירען פאלשקייט,
איז איהם אלץ געווארען שטיינערדיג און פינסטער,
איז איהם אלץ געווארען אחר׳דיג און אנדערש,
האט ער אין זיין יאוש א כשר קינד געהרג׳עט —
זיין שיינענדיגע אונשולד.

און ס'ליגט מיט איהם דאָס קינד יענס צוזאמען אין איין קבר,
צוזאמען אין איין קבר.

וועה דיר, וועה דיר, אחר! האָסט אַ קינד געהרג'עט!
איינער, רב עקיבא, איז געבליבען גאַנץ.
איינער, רב עקיבא, איז דעם סוד דערגאַנגען,
איז דעם סוד דערגאַנגען און פלעגט דעם סוד פּערטרויען
מיט שאַרכענדיגער לעפּץ:
„מיר זעמיר זאַלבעפערט געווען אין יענעם פּרדס,
האָ'מיר לאַנג געקלעטערט, דערגרייכט צום סוף מטט'ן,
דערגרייכט צום שר־הפּנים...
האָט דער שר־הפּנים צעגאָסען זיך אין פאַרבען,
צ שניטען אין העריות, צעשליידערט אין געשטאַלטען,
נישט גערוהט אַ רגע, די אויגען אונז די שוואַכע
געבלענדט רק און געברענט רק—האָט דאָס אונז פער־
דראָסען.
האָט דעם שר־הפּנים פערגלוסט זיך אונז צו נאַרען:
„גוט! טאָ לאָז זיי דאַכטען, אז דאָס בין־איך ג אָ ט!
טאָ לאָמיך ווערען א יי נ ע ר!"
האָבען מיר דערזעהען, ווי פּלוצלינג האָט זיין לויפען
זיך אָבגעשטעלט אין מיטען,
אין פאַרב זיך נישט געגאָסען, העריות נישט געשניטען,
און ס'האָט זיין ים געשטאַלטען אַרויסגעוואָרפען
שטיינער:
ווייסער מירמעל איינער, און דער צווייטער—שוואַרצער...
אבני־שיש טהור...
נאָר אז זיי זענען ביידע איינס־געוואָרען—דאַמאָלס —
האָט אויף אונז זיך פּלוצלינג אַ שרפה־גלאָק צעשריען.
ס'האָט געגלאָקט אלישע'ס פירכטערליך געשריי:
„גאָט האָט זיך געביטען! האָט פערשוואַרצט זיין פּנים!
גאָט האָט זיך געביטען!"

און שוין — און אויס — געפאַלען,
געפאַלען זאַלבעפערט...
מטטרון האָט דערשראָקען
פונסניי געגומען ל ו י פ ע ן —
און מיר זענען צו־דר׳ערד־צו
געפלויגען זאַלבעפערט!
קינדער, ס׳איז דער פרדס זינט דעמאָלט מלא פחד...
ער בליהט ווי אָהן אַנ׳אָטעם...
קינדער, ס׳האָט מטטרון פאַר זיין חטא בעקומען
זעכציג שמיץ פון פייער: זאָלסט זיך נישט דערוועגען
אָבשטעלען ס׳געלאָף דיינס. שטראָם פון איצט ביז וואַנען
עס טאָגט דער טאָג פוז קץ!"

---

XIX.

## געשיכטע.

ורע דבוק לו מאחוריו.
(דער אר"י)

און ס׳איז געשעהן, אַז ס׳האָט דער מענשען־גייסט זיך אָנגעצונדען צאָרניג,

ווי תמוז־צייט אַ וואַלד,
זיך אַ הויב־געטון הויך, ווי אַ שיף אויפ׳ן רוקען פון שטורעם,
און פערפאָהרען מיט די אויפגעשטעלטע מאַסטען,
ווי אַ חיה מיט די הערנער,
ביז פאַר׳ן טראָן פון דעם פערהוילענעם מטטרון.
מיט פויסטען צוויי פון פלאַם אַרויס, ווי ווייסע צוויי חלפים,
האָט ער זיך צעטענה׳עט און צעמענה׳עט,
אַז ער איז קיין מלאך נישט, מטטרון,
אַז אַנ׳אייביגער פערפיהרער און פערנאַרער איז ער,
אַ נאַכט־וואַמפיר, וואָס זויפט
אַ שלאָפענדיגענ׳ס בלוטען אין דער פינסטער,

אַכצענדיק פאַר תּאווה, ווי אַן'אַלטער בעל־עבֿירה;
אַ לץ אַ קבֿרן, וואָס ביים אויסגראָבען די גרוב
שיט ער ניבול־פּה און קראַקעט אַ געלעכטער;
אַ תּלין, וואָס בלייבּט שטעהן נאָך דעם אוועקגעהן פון המון
אויג־אויף־אויג מיט'ן קאָפּ, וואָס זיין האַק האָט געממית'ט,
וועגט איהם אין האַנט, ווי אַ נאַר־וואָס־געשאָסענעם פויגעל,
לייגט איהם אַ צווייטמאָל, אַ דריטמאָל אַרויף אויף דער תּליה,
און פערציהט איבער איהם
אַ צווייטמאָל, אַ דריטמאָל, אַ פערטמאָל דאָס שטריקעל — — —

און ס'האָט דער גייסט געזעהן — — —
געזעהן האָט ער פון גאָרער, גאָרער ערד
מיליאָנען פויסטען פון געדורס'טע און פאַר דער צייט
צעפּליקטע,
גרייט אומוואַרפען דאָס לופט־וויגעל, וואו ס'הוידעט
גרינגע פויגעלעך אַ ווינט,
פערשלעפּען ביי די האָר די זון די מכשפה,
אריינוואַרפען זי טיף אין קעלער פונ'ם מערבֿ:
„דאָ ליג ביז פּגירה, געלע צויג",
און טורעם איבער טורעם צו קומען צו א י ה ם, מטט'ן
אַ מחנה אַ בייז־האָריגע, אַ העלישע,
אַ שווייגענדיג־צעבילטע — — —

פון טייכען טונקעל בלוט האָט זיך אַרויפגעשויבערט ריזיג
אַ שוואַרצע הפקר־פאָהן, —
געניט פון אייערע יסורים־העמדער, גייסטער פון צעדריקטע,
איהר, וואָס זייט געבליבען ליגען ניזוק
אונטער דער געשיכטע'ס שווערען וואָגען, —
און ס'האָט די פאָהן געטראָגען זיך אליין,
בעגאַרט פערדעקען אלע דעכער פון די זיבען הימלען,

זיך אָנזעצען אויף זיי ווי שוואַרצער שניי,
געצוקט ווי אַראָבגעהאַקטער קאָפּ,
וואָס געהט אין ברוינעם זאַמד אַ מיתה-טענצעל,
כפול-שמונה'דיג געקנייטשט-זיך, ווי דער נחש אין גאָט'ס גאָרטען
אַרום דעם בלין-לייב חוה'ס,
געמישט מיט חשך-הענט אַ גלעזעל וואָרעמס:
נאַכט מיט בלוט,
אָנגעטראָטען כרובים'לעך-פאַרבייפליהער אויף ביידע פליגעל,
גטבערגעלט-זיך, ווי רוקענס קאַטערשע, און אויפגעריכט
זיך ווידער,

ווי צום שפּרינגען גרייטע טיגערס,
און רק געררוקט-זיך העכער, העכער,
העכער, העכער,
באַרג-אַרויף צו איהם, דעם ב ר ע כ ע ר,
דעם שׂר, דעם העלד, דעם ט ו ע ר:
„ד ו ביזט ש ו ל ד י ג!"

— — — — — — — — — — — — — — —

ער איז אויף זיין טראָן נישט ג ע ז ע ס ע ן, מטטרון!
ער איז אויף איהם אַרומגעפאָהרען בלין-גיך,
באַמעלעאָניש,
אויף-און-אָפּ'זג-ימיש, שוים-אַרויפצו, פאַל אַרונטער,
אַ טו-זיך-אָן, אַ טו-זיך-אויס —
ברעקלעך, ברעקלעך, ברעקלעך פון פרצופים!
צירופים, צירופים, צירופים!
ס'האָט ק אָ ל י ר ט-ז י ך אַ מטטרון, —
אַ חלק, אַנ'אָבשפּאַלט מטטרון, —
און מחנות רעגענבויגענס האָבען
ווי סטאַדעס שוואַנען געלאָזט זיך שווימען
פון זיך — צו אַלע, פון זיך — צו זיך:
פעכער אויפגעפּראַלט אין פעכער,

ראָד אין ראָד אַריין געקוילערט,
הענט געוואָרפען איבער הענט;
הענט ווי שאָטענס, הענט ווי לאַמפען, הענט ווי ווילדע קראָקאָדילען,

הענט ווי כרובים — — —
נישט גערוהט!
שוואַניג שווימענדיג, נישט=רוהענדיג,
געטוז, געטון עפּעס אָהנאויפהערדיג,
און אַזוי אָהן=אויפהער טועַנדיג,
און אַזוי אָהן=אויפהער לויפענדיג,
פון זיבען פאַרבען נישט געקאָנט
שאַפען אַנ׳איינציגע, א ווייסע — — —

ס׳האָט קאָליִרט=זיך אַ מטטרון,
ס׳איז אַ סוף אין איהם געווען, אַ שיעור=קומה,
ערגעץ איז געווען אין איהם אַנ׳אָבשטעל,
אַ לייבישע הכנעה פאַר׳ן בראשית=מדבר: ג אָ ט
אַ פינטעל, אַ לעצט פינטעל האָט געדעמערט.
דער גייסט
האָט דעם אָבשטעל נישט געקאָנט געפינען,
נישט געזעהן דעם שיעור=קומה,
געלעסטערט — — —
מיט טויזענט טענה׳ס האָט ער זיך פערטומעלט,
אַלע זיינע פלאַמען האָבען טיף
געשוידערט: „וועה אונז!
און איז מטטרון אַ ל ץ שוין? שוין=זשע איז ער ג אָ ר שוין?
און איז ער אפשר — גאָט?
וו—וואָס?
און איז ער אפשר — גאָט?
און גאָר? און ד אָ ס זאָל גאָט זיין?

גאָר? און דאָס?
און איצט געה כאפּ אַנ'אָקעאַן אין מיטען הענדום=פּענדום!
און איצט געה יאָג!
און ווער וועט צאָהלעז, אז מיר מאָהנען?
און וואָס? און ווען? —
עך, צום לעצטען מאָל, צום מאָל פאַר=אַלעמאָל,
לאָמיר א געשריי=טון א געשריי א הארטען,
א הארב=פּערצער'טען,
פאר קינד=און=קייט, פאר צייט און צייטען א געשריי=טון —
געגוג אונז שוין צו ווארטען!"

פערעקשנ'ט ווי אַ בארג,
אָן אַ זייט פון דער פּאָהן, איבער טורעמס פון פויסטען,
שטעהט א שרייענדיגער שתדלן אין אַ פייערדיגען טלית:
אין שוועבעל=פלאַמען קאָכט
פאַר מטטרונ'ען דער מענשען=גייסט.

„אדרבא, טו!
פאָהר וואוהין דו ווילסט,
טו דיר וואָס דו ווילסט.
צויבער און וואָרה=זיך און בייט=זיך —
דו ביזט שולדיג! דו!
אדרבא, טו!
שאַף אונז און צושטער מיט דיינס אַ הוסט!
זעהסט? די פּאָהן און די טורעמס פון טויזענטער פויסטען —
זיי נעהם איך פאַר עדות,
אַז שלעכט איז, שלעכט איז וואָס דו טוסט!
דיר, דעם לייכט=פארטיגען יונגעל,
דעם מלאך דעם גרינגען, דעם פלינקען, דעם שלאַנקען,
איז הערשאַפט געשאָנקען, — די וועלט
איז געגעבען דעם יונגעל!

מטטרון!
סוד פון דעם אייביגען גלות, גלות פון הערצער און דורות!
סוד פון דער אייביגער נאַכט, וואָס דערלאָזט ניִשט צום אייביגען טאָגו

קריעה בעגעהר איך צו רייסען,
קריצען פערריקט מיט אַ צאָרניגען צאָהן:
„וועה צו דיר, אָרעמע בירה!
וועה צו דיר, לאַנד, וואָס אַ יונגעל פיהרט אָן!"
דור נאָך דור פליהען אום דיינע פויגעל,
דור נאָך דור, אויס און איין,
אַ ר י י ן אין אַ מענש און אַ ר ו י ס פון אַ מענש, —
מיר רופען די פויגעל נשמות, —
שפרינגען אום דיינע פויגעל מטורפ'דיג,
זינגען פערכשופט און טרייבען די פיס מיט די הענט
צום פאַרכטיגען תהו-ובהו פון מעשים,
צום אייביגען שפיל פונ'ם ווילען,
און ער, דאָס אויג, וואָס האָט ניִשט איבער זיך קיין דאַך פון ברעמען,

ע ר, וואָס איז צוגלייך אי נעסט, אי אָדלער,
וואו וואוינט ער, דיין בעפעהלער, און וואָס שווייגט ער?
צי אפשר נ י ש ט אָ — און בלויז ד ו ביזט פאַראָן?
נישטאָ גאָר — און ד ו ביזט דאָס ע ר?
וואָרום וואָס? וואָרום ווען?
וואָרום וואָס קומט-אַרויס פון דעם פליהען אהין-און-צוריק?
וואָרום וואָס פליהט-זיך-אויס?
קעפ אויף גילאָטינעס! קונצענמאַכער אויף שטריק!
אַ ציִרק מיט אַ בלוטרויטען שילד פון דרויסען:
ג ע ש י כ ט ע!

„געשיכטע! פערשאָלטענער ציִרק!

און ס'ברויזט דער המון אזוי רשעות'דיג־בייז,
אזוי טויטדורשטיג־בייז,
ווען מען ווייזט איהם די קונצען,
און פאלט אוועק א קונצען־מענש אין מיטען שפרינגען,
אין מיטען שפרינגען אויפ'ן קאפ —
בעגיסט די צוקוקער אזא מין חדוה־שווייס!
שמחה־שרצים'לעך אין אלע אויגלעך!
וואוילגעפעלט זיי דאס שפיצעל!
דער טויט איז זייער קונצענמאכער דער בעליבסטער,
זיי שמעטערן בראוואָ'ס, וויבאלד זיי דערזעהן עס,
דאס געלע ארלעקינדעל מיט דער שער...

„געשיכטע! פערשאָלטענער צירק!
אט ערשט א קאפ געזועסען אויף אַנ'אקסעל, ווי א מלך—
א קוק: ער קריכט שוין אונטען, ווי א קינד, אויף אלע פיער...
העי־העי, געפאלען ווי אַנ'עפּעלע פון בוים,
אַנ'עפּעלע א רויטס און א בעטעמ'טס און א צעדמ'טס!
און ס'שרייט דאס פאָלק צו זיינע פרעד־הליך־מאכער:
יונגען!

דעם טויט אהער, דעם טויט!
איהר ווייזט אונז נאר דעם טויט!
אזא מין וויצלער — כאָ, כאָ, כאָ!

„געשיכטע! דער טויט און די פרוי!
און די קעפ פון עלף יונגפרויען שיינע,
עלף איילבירטען שלאנקע און יונגע,—
שאַ, כ'וועל דיר זאגען:
אין יאָהר זיבעצען הונדערט און ניינציג און דריי
זיינט דער געבורט פונ'ם יוד, וואס די רוימער האבען געקרייציגט,
אין טולאָן דער שטאָט, —

די קעפּ פון עלף יונגפרויען שיינע,
עלף איילבירטען שלאַנקע און יונגע,
הייסט זיך לכבוד איהר יובל=טוב פון פרייהייט דערלאַנגען
אַבגעהאַקטערהייט, געווירצט מיט שטויב, אין בלוט געפּרעגעלט,
אַ לאַכענדיגע מחנה סאַנקילאָטען —
און פרויען=העלזער עלף פּערלירען מיטאַמאָל
עלף שוואַכע בלאָנדע קעפּ,
עלף קליינע בלאָנדע קרוינען, —
און ס'לאַכען אָהנהויזיגע, שכור פון טויט און פון פרוי,
געזעטיגט מיט טויט און מיט פרוי —
אַזא מין וואוילטאָג — כאָ, כאָ, כאָ!

„און קענסטו דעם וואוילטאָג, מטטרון? און קענסטו
אַנ'אומגליק אַזוינעם?
וועה צו די יונגפרויען=קעפּ די געטויטע
און וועה צו דער מחנה דער הונגעריג=זאַטער,
אַז וועה איהר!
איך בין פון אַ וועלט, וואו איין אומגליק
פעראייניגט רוצח מיט הרוג!

„אַזא וועלט — און צו וואָס אַזא וועלט?
אַזא גליק — און צו וואָס אַזא גליק?
וואוהין פיהרסטו אונז אַלע, מטטרון?
ווי הייסט יענער אַבגרונד?
דו, וואָס פון פאָרענט שטראַהלט שבת פון דיר
און אייביגקייט בלויע און מלאך —
צי טראָגסטו נישט אַמאָל אַ ש ל אַ נ ג ע ן-ע ק פון הינטען,
שוואַרץ ווי אַ מערדער'ס געדאַנק אין דער נאַכט פונ'ם מאָרד?
אייביגער צענויפמישער פון זון מיט רינשטאָק!
אויסגעוואַלגערט האָט זיך שוין אין אַלע רינשטאָקעז דיין פייער —
און ס'זענען אין זיי די חזירים

נ אָ ך  אַ ל ץ  נ ִי ש ט  ג ע ו ו אָ ר ע ן  פ ע ר ב ר ע נ ט!
ווען וועט ליִנקס אויף ליִנקס געהן, רעכטס — אויף רעכטס?
גוטס און שלעכטס —
ווען שיידסטו זיי פונאַנדער?
איִך הויִכער,
איִך הויִכער, איִך וויִלדער, צעפייערטער וואַלד,
וואָס מיִך ברענען דיִ וואונדען פון אַלע געטויטע און טויטער,
בעפעהל דיִר, מטטרון: אַ סוף צום פערשאָלטענעם ציִרק!
צ ִי נ ד  מ ִי ט  מ ִי ר  א ו נ ט ע ר  ד ע ם  צ ִי ר ק!

„ציִנד אונטער דעם ציִרק?" — האָט דאָס עכאָ געפרעגט.
„דעם ציִרק??" — האָט עס לאַנג זיך געוואונדערט.
דערנאָך
איִז אַ שטיִלקייט געהאַנגען איִ אויבען, איִ אונטען —
אַ שטיִלקייט...
וואו איִז זיִ, דיִ פאָהן? און די טורעמס פון פויסטען?
דיִ פאָהן האָט איִהר נאַכט-קלייד צעפליִקט מיִט דיִ אייגענע הענט,
אַ ליִכטיִגער וויִנט האָט צעבלאָזען דיִ טורעמס...
אויס דיִ רעגענבויגענס, אויס דיִ הענט —
גאָרניִשט פאַראַן!
עפעס אַ לעסטער-וואָרט ד'האָט זיך געשראָקען איִן וויִנקעל:
„כ'ביִן פיִנסטער, ביִן פיִנסטער",
און שרעקיִג געוואַרט אויף אַ לעצטער התגלות:
„בעהעל מיִך, בעהעל מיִך!"
דער גייסט האָט זיך דאַמאָלס צעפייערט נאָך מעהר
פאַר בושה, פאַר בושה.
שטיִל איִז געוועזען איִ אויבען, אי אונטען —
שטיִל.
דיִן איִז געוועזען איִ אויבען, איִ אונטען —
דיִן:

אַ שטילקייט אַ דינע, אַזוי-ווי אַ האָר,
וואָס פאַלט פון דער באָרד צו־ריך־אַנפינ׳ס...

„לעסטערער! — האָט זיך געהויבן אין חלל אַ קול. —
לעסטערער דו!
שלעכט איז געווען דיין געדאַנק פאַר מיר, שלעכט,
און שוואַרץ ווי אַ מערדער׳ס געדאַנק אין דער נאַכט פונ׳ם מאָרד.
געשיכטע? אַ מיטען בלויז! איך — נאָר אַ מיטען!
אַ מיטען פון מיין מיטען האָט זיך דיר אַנטפּלעקט,
אַ ב ר ע ק ע ל פון מיין שיעור־קומה בלויז...
וואָס ווייסטו?
קענסטו דעם סוף, וואָס דו לעסטערסט?
דער סוף איז ביים האַר מיינעם גאָט!
• איך בין אין זיין בעשטענדיקייט דער טייל,
וואָס פערגעהט יעדע רגע,
און כ׳מאַך אויף זיין חשבון די חובות —
און צאָהלען וועט ע ר!
ער צייהלט און וועט צייהלען, וועט צייהלען און אויסצאָהלען!
זיינע צ י פ ע ר ן — מיינע צ י ר ו פ י ם!
זיין ר ע כ ע נ ב ו ך מיין לייב —
נישטאָ ביי איהם סתם!
די זינד האָט געשליפען דיין צונג און אַרויסגעבראַכט שלאַנגענע
ווערטער —
ווי קום־איך צו אַלץ און ווי קום־איך צו גאָר?
לעש־זשע, גליה־וואָרעם, אויס דיינע פלעמלעך די פאָרן!
אַראָב! האָסט שוין צופיל געזעהן,
האָסט צופיל געהערט!
וואָס דאַרפסטו? אַנטרינ!!!”

## XX.

### אויסגלייכונג.

אין קאסטענס, וואָס די מענשען רופען שטעט,
אין שווארצע קאסטענס גמה און גראבעל, זעהער דו,
פערבאָרגענקייטען=אויפשליירער דו,
געפינסט דאָרט צירונג פון עולימתא׳ס ברוסט אראָב, —
אין קאסטענס, וואָס די מענשען רופען שטעט.

און לויף נישט פונ׳ם בלוט! אין בלוטען גראבעל איצט,
אויגען=קלאָרער, אויגען=קלאָרער דו,
און גראבעל אונז פון בלוט אויס אַ משיח!
אין אונזער בלוט־ים איז ער, דאָרטען ליגט ער,
אַ האלב=דערשטיקטער,
דער פיש פון אונזער אומגליק טראָגט איהם אין זיין בויך!

זאָגט די אַמאַזאָנע, אונזער שטיפמאַמע
(אלע זע׳מיר קינדער פון אַ שטיפמאַמע,
עולימתא=בעאטריטשע זוימט אין וועג):
„נישט פרום דער צדיק און נישט שלעכט דער רשע,
יתומים זענען אַלע מיינע שטיפקינדער,
יתומים אָהן אַ העמד — —

„צום פערברעכער
דורך דער קראַטע
האָב=איך אריינגעקוקט.
ווי אַ שמאַטע,
ווי אַ גרויע,
האָט ער אויסגעקוקט —

און געפרעגט:
וואו מאמע־טאטע?
מאָרגען הענגט מען מיך — — —

„ברומט אין מיר, דער אייזערנער, ס'רחמנות מיינס,
שלוכצט פאגאָטיש.

„און אלע זענט איהר דאָך אזוי — איהר אלע, אלע!
אויף גרויע חולי־נופל'דיגע גאסען
פאלען אייערע נשמות אום,
ווי פערד, ווי פערד אין בלאָטע, —
און אלע זענט איהר דאָך אזוי — איהר אלע, אלע!

„אלעמען, אייך אלעמען איז אָבגעשטאָרבען ס'יענץ,
ס'יענץ, וואָס גרויס איז ווי נשמה און ווי וועלט און ווי
אנטפלעקונג.
קיינער שטעהט נישט אויבען, קיינער — אונטען:
אלע אויסגעגלייכט, אין טרערען אויסגעפייכט! —
אלע פויגעל —
נאקעט אויפ'ן פראָסט!

„איך, וואָס בין געשטעלט אייך צו געגנאַרען און צו
פייניגען,
איך, קליפת־נוגה פון א שכינה, וועלכע פעהלט אייך, —
ווי קען איך פייניגען?

„מיהל־שטיינער לייג איך ארויף אויף די הענט,
און אין אויג, סאמע מיט,
שטעק־איך אריין, ווי א מעסער, די נאכט —
ווי קען איך צוקוקען?

נאָר אז ס'וועט דרויסען פסח ווערען — פיו!
צום אלטען מלך אין בלויען קיטעל

װעט מען אַרױפּפּליהען בחברותא,
אַרום זײַן היסב־בעט װעט מען צװיטשערן,
בױען אַ נעסט אין זײַן נײַער הגדה" — — —

האָט געזאָגט די אַמאַזאָנע, אונזער שטיפמאַמע. — — — —

---

XXI.

## צום שטן װערט געזאָגט: דו ביזט ניש אַ.

געשרײַ דער װעלט'ס אין טיפער נאַכט:
„װאָס האָסטו, מענש, פון מיר געמאַכט?"

געשרײַ דעם מענשענ'ס טיף בײַנאַכט:
„װאָס האָסטו, ס"ם פון מיר געמאַכט?"

געשרײַ סמאל'ס טיף בײַנאַכט:
„װאָס האָסטו, גאָט, פון מיר געמאַכט?"

געשרײַ מטט'ס דורך לאַנד און שטאָט:
„אַ שעה אַזאַ האָט ניִשט געשעה'ט!

איך שװער: י ר י ח ו פאַלט און קראַכט
נאָך הײַנט בײַנאַכט, נאָך הײַנט בײַנאַכט".

אין טיפער נאַכט געשרײַ מטט'ס:
„און שטאַרבט די מױז — װער דאַרף די קאַץ?

סמאל־שטױב, דו שרײַסט אומזיסט!
ניִשט פלעגסטו זײַן און ניִשט דו ביזט!

די זינד איז טױט! גענאַר־בילד, פּלאַץ!
און שטאַרבט די מױז — װער דאַרף די קאַץ?"

---

# XXII.

## ירי חו.

און ס׳וועט זיין, ווען מטטרון וועט בלאָזען צום זיבעטען מאָל,
אַז די שוואַרצע יריחו, די פעסטונג די לעצטע, די זיבעטע,
וואו פערפעסטיגען וועט זיך דער זיבעטער שקר, דער לעצטער
און גרעסטער פון שקרים,
וועט אויפהויבען הענט, ווי צום פליהען, און פאַלען געשטרעקט
פאַר דעם פלוצלינג דערזעהענעם וואונדער פון קודש־קדשים,

ווי אַ כהן אַ בלייכער, וואָס זעהט אינ׳ם קטורת־רויך
אויפגעהן
אַ כתריאל־יה־צבאות׳עס לאָקען.
און גרויס וועט דאַן זייז דאָס געלעכטער ביי מענש
אוז ביי מלאך,
ווייל דערגעהן וועלען אַלע,
אַז יריחו איז געווען אַ פוסטע שטאָט, וואו קיינער
וואוינט נישט,
און אַז שפינוועבס זענעז אַלע איהרע דעכער,
און אַז נאַקעט וואַסער זענען אַלע איהרע גאַסען,
און אַ ז ש ק ר, איהר בעהערשער, האָט געהערשט
אויף נאַקעט וואַסער און אויף שפינוועבס,
און אַז נישט געשטאַנען איז קיין פאָלק הינטער זיין
רוקען,
און אַז נישט געווען איז עס קיין שטן, נאָר אַ גולם!
דען אמת׳דיג: אין יענעם טאָג
וועט ש ק ר ד ע ר ז י ב ע ט ע ר — קעניג יריחו׳ס —
ליגען ווי אַ גולם אין אַ רינשטאָק פון יריחו,
און פליהען וועט אַרום זיין טויטען גולם־קאָפּ

זייז געליִהענע נשמה — דער געהיימער שם־המפורש.
שוואַרץ און תּמ'עוואַטע וועט איִהם אָנקוקען דער
ריִנשטאָק...

אַז ס'וועט זיין, ווען יריחו וועט פאַלען איִהר לעצטען און
אייביִגסטען פאַל,

אַז מטטרון וועט רוהיִג אַריין איִן דער שטאָט
און נאָך איִהם — אַלע דורות, מלאכים און מענשען צוזאַמען,
און אַ שטיִלקייט וועט געהן איִבער זייערע שאַרבענס
מיִט זיִלבערנע טריִט פון אַ בשורה.
און זעהן וועלען די געסט איִן יענער שטאָט, וואו קיינער וואוינט
ניִשט,

ווי זיילען ווייסלייביִגע, לויטער ווי מיִלך און געזונט ווי די
קיִנדהייט,

ווערען לקוי־חמה'דיִג פערלאָשען
און ניִדערן איִן שטויב צו פערגריִנטען צעבראָכענעם גלאָזוואַרג
און ליִגען דאָרט, ווי אָבגעהאַקטע הענט.
און נעהנטערען וועלען זיי זיִך דאָרט צו גערטנער,
וואָס זייערע בוימער
צעפליִהען ביים צוקום, ווי איִבערגעשראָקענע סאָוועס,
און ווייזען זיִך ניִשט ווידער,
און צו הייזער, וואָס טאַנצען אַוועק, ווי די לאָמע בדחנים,
און קומען שוין צוריק ניִשט.
אַלץ וועט פערפאָהרען איִן גאָרניִשטלאַנד, לאָזענדיִג לעצט־געלד —
א ניִשט.

און ס'וועט זיין ווי אַ גאָרנישט די ערד אונטער זייערע טריִט.
און ווי אַ גאָרניִשט וועט זיין זייער קאָפּ
אונטער די טריט פון דער שטילקייט.
און, איינגעוועבט איִן יענער שטילקייט'ס זייד,
וועלען צו איין־און־דערזעלביִגער צייט,

אין אלע שטעט אוז איז אלע דערפער,
זיך אבשטעלען זייגערס.
און דערנאך
וועלען אויפהארכען דורות, מלאכים און מענשען צוזאמען,
און די שטילקייט וועט אויפהערען געהן איבער זייערע קעפ
און וועט שטעהן און וועט הארכען מיט אלע מלאכים און מענשען:
צו אייז־און־דערזעלביגער צייט,
אין אלע שטעט און אין אלע דערפער,
וועלען אנהויבען זייגערס צו געהן שפיצפינגערדיג־שטיל אזוי,
שטיל אזוי,
ווי רעגען אויף זומער־גראז, רעגען אויף זומער־גראז,
און אויסשפילען טיף, און אויסשפילען ווייט,
ווי פון אונטער א תהום ארויס,
די פינף־און־צוואנציגסטע שעה,
די ערשטע פון נייעם מעת־לעת.

---

XXIII.

## געיעג נאך דער העכסטער פערבינדונג.

און איצט קומט א לעצטע פערטיפונג אין מיר
און פון אויגען דאס אויג זעהט פון נסים דעם נס.
פון מיינע הייוועו איז געווארען וויין — ;
און איך בין דער וויין און דער טרינקער.
דריימאל געבענשט!!!

וואו שטן? וועו שטן? ס'איז דא נאר מטטרון!
ווייס־איך דארט! שטן!
עס האט זיך דארט איינעם א נזיר געחלומ'ט,
אז הינטער זיין רוקען שטעהט איינער א הויכער

מיט קעפ אָהן אַ שיעור און תרפ"ט שוואַרצע ציינגער
און האַלט פלעשלעך בלוט מיט תרפ"ט שוואַרצע פינגער
און לעקט מיט די ציינגער דאָס בלוט פון די פלעשלעך,
בעלעקט זיך און לעסטערט, —
און ס'איז גאָר געוועזען זיין אייגען בליינד נפש,
וואָס איז פון'ם נאַכט-בעט אַרויס אַ צעהיצטס
אין אָנגעגליהט-שווערע הרהורי-עבירה,
בעגעהריג נאָך פרויען,
און ציטערט אין נאַכט-העמד — — —

ווייס-איך דאָרט! שטן!

און ס'האָט זיך דאָרט איינעם אַ דיכטער געדאַכטען,
אַז ערגעץ פאַראַן איז אַ מלוכה פון פעך
מיט טראָנען פון פעך און משרתים פון פעך —
אונטערערדישע נעגערס —
און אַלץ ברענט דאָרט אין פעך, ווי עס פלאַקערט אין
שוואַרצקייט אַ תמוז-נאַכט —
און שיין איז די מלכה דאָרט, שיין —
פייער געהאָפטען אויף פעך!
צאיז דער דיכטער אוועק צו דער מלכה פון פעך
און זי קושען געוואָלט —
האָט דער פעכיגער מלך, איהר מאַן,
איהם אָבגעשטופט בייז מיט אַ באָקישען פיסעל — — —

אַזוי האָט דאָרט איינעם אַ דיכטער געדאַכטען — — —

ווייס-איך דאָרט! שטן!
וואו שטן? ווען שטן? ס'איז דאָ נאָר מטטרון,
דער הייליגער כעמיקער!
ס'האָבען עס הערצער געזעהן מיט'ן בלוט,

אויגען — געזעהן מיט'ן הארץ:
אנ'איבער-מלאך איינער
וואקסט הינטער שטערען,
וואקסט אויבען, וואקסט אונטען
און מישט
מיט לאנגע צעשטורעמטע הענט...
אויף איהם און מיט איהם וואקסט א וואונדער,
עס וואקסט אויף זיין אקסעל א וואונדער —
דיר דוכט, ווי א טאטע וואלט האלטען א קינד אויפ'ן
אקסעל...
א פרייד איז צו יענעם, וואס זעהט עס!
אין קלעפיגסטען פעך טוט ער תכלת אריין,
אין תכלת דעם קינדישסטען — פעך.
א מישען! א קאכען! א דונער! א לאקערן
אויף דעם בעהאלטענסטען פון עלעמענטען,
געיעג נאך דער העכסטער פערבינדונג!
און מענש — די רעטאָרטע!
א פאהרען אויף דונערס — צום קץ!
א לעצטער זוך פון לעצטען נס — ביז אויסגעפין!
און אויס אויף-עולמות מיט שלאבעריגען זייערן!
אויס בלייך, אויס בלייערן —
אלץ אין פייערן!
אלץ אין גאט-בעגילדטע פייערן!

---

XXIV.

### אנזאג דער שטאט.

שטאט געהיימע, שטאט פערשייטע,
אין דיין הויכע קאכען

זיִדסטו אויס די סאַמע גרעסטע,
לעצטע פון עפּאָכען!
דעכער זוכען איִן דער פיִנסטער
גאָט דעם אומבעקאַנטען...
איִן די אויטאָ׳ס — בלייכע סומות,
אומעטיגע פראַנטען...
קראַנקע זנות דערלאַנגט איִן הימעל,
וויִל אריין איִן פרגוד — — —
איִבער הייזער, צוויִשען דראָטען,
ליִגט דער מענש געהרג׳עט — — —
שריי, געהיימע, שריי, פערשייטע,
רודער, האַראַמיִדער!
וועסט נאָך ווערען דאָפּעלט קראַנקער,
מיִדער, דאָפּעלט מיִדער!
און נאָך אַלע דיינע פיִלדערס,
אַלע דיינע זנות׳ן,
בליִקסטו־אויף צו הויכער אונשולד,
לעכצסטו־אויף צו רות׳ן...
ס׳קומט שבתון, ווי אַ חתן
איִן אַ נייעם טלית,
און דו לאַכסט דאַן, אשה זונה,
ווי בעגליִקטע כלות...

ס׳פאַלט פון האַלז דיִר אַלץ, וואָס האָט איהם
שווער און גרוי גערימענט; —
הענגען וועט אויף איהם אברהמ׳ס
היילענדיִגער דימענט!

## XXV.

### אָנזאָג דער שטאָט, ב׳.

געה צייכען אויף, דו ווייסער,
צוויי קורצע טיפע שורות,
וואָס קלינגען ווי די גלאָקען
און קלינגען ווי די בשורות:
צו גאָט געהערט די נאַכט!
צו גאָט געהערט דער שטן!

נישט בלויז די זיסע כרובים,
וואָס ברומען ליב ווי ביהנען,
נישט בלויז דער טאָג געהערט איהם
און זונען ווי רובינען, —
צו גאָט געהערט די נאַכט!
צו גאָט געהערט דער שטן!

געשריבען שטעהט אין הימעל
מיט בוכשטאַבען פון פלאַמען,
געשריבען אויף דער פאַליע
אין אָבגרונד פון די ים׳ען:
צו גאָט געהערט די נאַכט,
צו גאָט געהערט דער שטן!

אין אחרית־טעג, ווען ס׳פאַלען
דעם שטנ׳ס אַלע מאַסקען,
בעקומט דער מענש פון שטן
זיין גליק צוריק, זיין משכון...
צו גאָט געהערט די נאַכט,
צו גאָט געהערט דער שטן!

## נ ײ=ב ר א ש י ת.

עיגולא דנפיק מגו רבועא.
(זוהר).

אין יענעם טאָג, ווען ערד און הימעל וועלען איינס=זיין,
וועט געזונגען=זיין אזוי:

„אין ליכטיגען שאָטען פון אדם=קדמונ'ס פליגעל —
אַנ'עיגול.
און האַרט ביי דעם עיגול'ס קיילעכיגע לענדען,
וואָס בלענדען, —
אזוי ווי געדאַנק אין אַ קאָפּ, ווי אין הענט —
אַ פערבאָרגענע טאַט:
אַ קוואַדראַט.

„דער קוואַדראַט איז נישט עיגול — און איז עס! דער עיגול —
קוואַדראַט נישט, און איז עס!
מיט דרייצעהן אחיזות
איז איינער געהאַלטען אָן צווייטען! אומזיסט וויל זיי יענער
צעשיידען!
פון שיידען,
פון אַלע שיידען איז דער עיגול ברייטער,
פון אַלע שיידען — שמעלער,
און פון ספר=תורה'ס איז איינס דער קוואַדראַט און נישטאָ איהם
אַ צווייטער:
פון אַלע ספר=תורה'ס — שמעלער,
פון אַלע — ברייטער!
לאָמיר זינגען אָהן אויפהער! ווי העל! קוקט נאָר אָן דאָס געמעל
פון געמעלער:

אין ליכטיגען שאָטען פון אדם-קדמונ׳ס פליגעל —
אַנ׳עיגול;
און האַרט ביי דעם עיגול׳ס קיילעכיגע לענדען,
וואָס בלענדען, —
אַזוי ווי געדאַנק אין אַ קאָפּ, ווי אין הענט — אַ פערבאָרגענע טאַט:
אַ קוואַדראַט״...

---

## XXVII.

קז.

איבער און איבער דער דרויביגער צעשטויבונג,
דער צעקרישעלטער צעדרויבונג, וואָס מיר רופען זי וועלט,
און איבער יעדער בענשונג, יעדער גלויבונג און לויבונג,
וואָס מיר גלויבען, וואָס מיר לויבען און בענשען אויף דער וועלט; —

און העכער פון די פיילען, וואָס דער גייסט איז זייער קעכער,
און איבער יענער הויכקייט, וואָס פון הויכקייט איז זי קליין,
און העכער נאָך, און איבער און אַריבער יעדען העכער,
און איבער יעדען וואָהר-זיין און איבער יעדען מיין; —

און איבער אַלע ים׳ען, וואָס בעגיסען אַלע ערדען,
און בעגיסען די געהיים-ערד, וואָס מיר רופען זי מענש,
איבער הענט ווי די בלומען און איבער הענט ווי שווערדען,
איבער נאָך-נישט-מענש, אויס-מענש און קיינמאָל-נישט-מענש; —

איבער שרפים, אופנים און הייליגע היות,
איבער און אַריבער אָהן אַנ׳אָבשטעל און אַ ביז;
איבער און איבער דער נבואה׳ס הימאַלאַיאַ׳ס
— און איבער יעדען אפשר און יעדען געוויס; —

הויך איבער די פויגעל, וואָס זיי קענען מעהר נישט פליהען
פאַר לויטער, לויטער פליגעל און פאַר לויטער פליהעריי,
און הויך איבער די לאָמפּען, וואָס זיי קענען מעהר נישט גליהען
פאַר לויטער, לויטער קנויטען און פאַר לויטער גליהעריי; —

אַהין, אַהין, אַהינצו, וואו דער ים איז אָהן אַ באָרטען,
אַ לאַנד, וואָס צוימט זיין מויל און שפּאַנט זיין וואונט אין אַ געשפּאַן,
און דאָרטען, וואו נישטאָ איז נישט קיין דאָ און נישט קיין דאָרטען,
וואו די צוקונפט קען נישט צופליהען אויף איהר אַעראָפּלאַן, —

דאָרטען, דאָרט און נישט-דאָרט וועט אַרויסגעהן דאָס בעפעהל-
וואָרט,
דאָרטען, דאָרט און נישט-דאָרט וועט אַ בליץ אַרויסגעהן: ק ץ!

---

# נ אָ כ ג ע ז אַ נ ג.

זאָגט דער חתן דער ווייסער, דער הויכער, דער ווייסנר:
„אונז צו געזונט!
געפּגר'ט דער הונט,

געפּגר'ט דער בייסער!
און איצט איז צו זעהן,
אַז דער הונט איז אפילו קיין הונט נישט געווען!"

זאָגט די כלה די ווייסע, די כלה אין ווייסען:
„מיין קלייד, וואָס איז ווייס,
משוגענערווייז
געוואָלט מיר צערייסען!

און איצט איז ער שטיל —
שטיל איז ער איצטער, דער כּעסן —
אויף זיין צונג ליגט אַ שטומער, געשטאָרבענער ביל!"

קומט די ווייסקייט אַליין, קומט דאָס אור־אייביק־ווייסע:
„געהט, קינדער, אַהיים,
גענוג מיט'ן ליים
געשמירט זיך די הענט,
דאָס שושבין־ליכט ברענט,
די חופּה איז גרייט,
געקרוינט איז די מיה,
די ברכה וויל ווערען געזאָגט —
שוין שפּעט! ס'ווערט פריה!
באַלד טאָג!"

# פערלאג „אלט-יונג"

עס ערשיינען:

**הלל צייטלין:**
„דער אלף-בית פון יודענטום"

**ד"ר י. ב. צפור:**
ביי די טויערען דראם. לעגענדע

**ד"ר י. ב. צפור:**
נחת פון קינדער קינדער-דראמע

**ד"ר י. ב. צפור:**
דער ליגנער קינדער-דראמע

**א. ס. טורגעניעוו:**
רודין ראמאן
יודיש: א. זאק.

**יהושע פערלע:**
שווארץ-ווייס נאוועלען

אדרעס:
ברידער וואיציקעוויטש
ווארשא, נאלעווקער קראמען 5.

# דרוק-פעהלער.

| זייט | שורה פון אויבען | וואָרט אין שורה | געדרוקט | דאַרף זיין |
|---|---|---|---|---|
| 14 | 15 | 3 | פּאַגאָדעס | כת-לצים |
| 24 | 2 | 1 | ליגט | לוגט |
| 25 | 10 | 8 | יתרן | ותרן |
| 34 | 1 | 13 | יתרן | ותרן |
| 42 | 5 | 8 | האַק | האַנד |
| 54 | 9 | 1 | אַ כתריאל | אכתריאל |
| 60 | 2 | 5 | ווייסער | ווײַסער |